STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02826

GOLES

Der Tunkeler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער טונקעלער

גלות

כתבים פון א פליכטלינג

שרייבער־פאַרלאַג
ניו־יאָרק
1943

IN GALUT

by

DER TUNKELER

Copyright, 1943, by J. TUNKEL
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st Street
New York, N. Y.
255

אַ שטיקל פֿאָרוואָרט

ווי יעדן זינדיקן מענטשן און יידן האָט אויך מיר די וועלט־מלחמה אויסגעטיילט מיין חלק פּלאָגענישן און וואָגלענישן, די ריכטיקע פּאַרציע — ווי עס קומט מיר. נישט געקריוודעט.

נו, מוז מען עס דאָך פֿאַראייביקן.

די וועלט, פֿאַרשטייט זיך, האָט אויך קיין האָניק נישט געלעקט. האָט אויך דורכגעמאַכט און האַלט נאָך אין דורכמאַכן אַ היפּש פּעקל פּורעניות און חורבנות און קאַטאַקליזמען און צרות, וואָס איז ווערט פֿאַרשריבן צו ווערן.

נאָר וועגן דעם וועלן שוין אַנדערע שרייבן. אוי, וועט מען שרייבן!

מען וועט שרייבן כראָניקעס, מיט היסטאָריעס, מיט ראָמאַנען און דראַמען און זכרונות און וואָס נישט. ביבליאָטעקן גאַנצע וועט מען שרייבן.

נאָר וועגן מיר וועט קיינער נישט שרייבן. מוז איך דאָך אַליין פֿאַר זיך זאָרגן. אם אין אני לי מי לי?

דעריבער האָב איך דאָ אַליין מיט מיין אייגענעם טאַלאַנט און קינסט־לערישן שוואונג פֿאַרצייכנט אַלץ וואָס איך האָב אַליין אייגנהענדיק איבער־געטראָגן אויף מיינע אייגענע אָרעמע פּלייצעס.

כדי וואָס?

כדי אימירצעשעם, אַז מירין דערלעבן בעסערע און פֿריילעכערע צייטן, און אויפֿן האַרצן וועט זיין טרויעריק און קאַלאַמוטנע, וועל איך מיר געבן אַן עפֿן אויף דאָס דאָזיקע ביכל, לייענען און הנאה האָבן ווי אַ שטייגער פֿון רייסן אַן אייגענע וואונד.

איך בין זיך מודה: איך בין נישט געווען שטרענג פּינקטלעך אין מיין באַשרייבונג. נישט אין צייט און נישט אין אָרט, וואו־נישט־וואו אַ ביסעלע

צוגעדיכטעט און צוגעווירצט מיט אַ קאַפּעטשקע גוזמא, אָבער קרוב לאמת בין איך געווען, שטאַרק קרוב לאמת.

נאַטירלעך, האָב איך דאָ נישט אַלץ באַשריבן. איך האָב גענומען בלויז אַ קליינעם אָפּשניט פון מיין גלות און נע־ונדעניש, בלויז דער וועג פון בעלגיע ביז שפּאַניע. הגם איך האָב געקענט נעמען אַ גרעסערן שטח: פון וואַרשע ביז ניו־יאָרק, נאָר איך האָב עס נישט געטאָן. על כל פנים איז דאָך דער לעזער נישט מחויב צו ליידן אַזוי לאַנג...

האָט איר געזען ווי לענדער לויפן?

ס'איז געווען אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאַנט.

צי האָט איר געזען, ווי אַ לאַנד לויפט? וואָס זאָג איך אַ לאַנד. ווי לענדער לויפן, פעלקער לויפן, אַ וועלט לויפט אין פּאַניק און בהלה. ניין? איר האָט ניט געזען? איך האָב געזען. און ניט נאָר געזען, נאָר אַליין מיטגעלאָפן. איך און די וועלט — מיר זיינען ביידע געלאָפן.

באַשר ער האָט געזאָגט: ער מוז מיך פאַרטיליקן. ער מוז אומברענגען דאָס יידנטום. און אַזוי ווי איך אַליין בין דאָך אַ שטיק יידנטום — מוז מען לויפן.

בין איך געלאָפן צוזאַמען מיט דעם יידנטום. יידן — פון רוסלאַנד, פון פוילן, פון רומעניען; פון בודאַפּעסט, פון קאָוונע, פון יאַסי, פון קאַלאַמיי, פון אַמסטערדאַם, פון פּאַריז, פון באַליעכאָוו, און פון וואַנען ניט?

אַלע זיינען מיר געלאָפן — דער באַנקיר, דער דאַמענשניידער, דער פּראָפעסאָר, דער דאָקטאָר, דער רבי, דער שמש פון חברה קדישא, דער וועגעטאַריער. דער קצב, דער אַרבעטער טוער, דער פּועלי ציוניסט מיט דעם לינקן אָפּנייג, דער בונדיסט מיט דעם רעכטן פליגל, און דער, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער וועט ניט לויפן, איז אויך געלאָפן. און דער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך און דער וואָס האָט געזאָגט, אַז ער וועט לויפן דער לעצטער, איז געלאָפן דער ערשטער. אַלע זיינען געלאָפן.

דאָן זיינען מיט מיר געלאָפן לענדער: צוערשט בין איך געלאָפן מיט פוילן קיין בעלגיע. נאָכדעם מיט פוילן און בעלגיע קיין נאָרד פראַנקרייך, נאָכדעם מיט פוילן, האָלאַנד, טשעכיען און נאָרד־פראַנקרייך און לוקסעמבורג און עלזאַס־לאָטרינגען קיין זיד־פראַנקרייך. און אַזוי ווייטער

און ווייטער. איבער אַלע שליאַכן, שאָסייען, וועגן, באַנען; אויטאָס, — פּאַריז אָרלעאַן, סעמור, טור, באַיאָן, טולוז, פּאַ, מאַרסעל.

אונדזערע מחנות זיינען געוואַקסן, געשוואָלן ווי אַ שניי־לאַווינע באַרג אַראָפּ. דער גרעסטער פאַנטאַסטישער לויף־מעטש, וואָס די וועלט האָט געזען, מיט דער באַגלייטונג פון דער הערלעכסטער קאַנאָנען־מוזיק, באָמבען־קנאַלן, מיט די שענסטע ליכט־עפעקטן פון פּראָזשעקטאָרן, שריפות און רויטע הימלען.

מיר זיינען געלאָפן האַלטנדיק די נשמה צווישן די ציין. געלאָפן זאָגנדיק ווידוי און בענטשנדיק גומל, זיצנדיק אין די תפיסות, לאַגערן, פלאַמבירטע וואַגאָנען, ליגנדיק אין די גריבער, שטייענדיק אין די רייען נאָך ברויט און ביי די איינגאַנג פון די שוץ קעלערן נאָך אַ ביסל לעבן.

אונטערוועגנס האָבן מיר אַלץ פאַרלוירן: וואַליזקעס, געזונט, פּרינ־ציפּן, פּראָגראַמען, איבערצייגונגען, האָפענונגען, דערוואַרטונגען, פריינט, באַקאַנטע, ווייבער, קינדער און וועקסלען, דאָס מענטשלעכע אויסזען — אַלץ פאַרלוירן.

דער צוג וואָס האָט אונדז געפירט פון בעלגיע קיין פראַנקרייך איז אייגנטלעך געווען אַ פראַכט־צוג פאַר פי. אונדזער וואַגאָן איז אייגנטלעך געווען באַשטימט פאַר 12 פערד און 18 חזירים. נאָר איצט האָט מען דאָרט געפירט אַן אַנדער פראַכט: 49 בעלגיער און 18 יידן. אַלע זיינען מיר פליכטלינגע פון בעלגיע. אחים לצרה. אַלע גייען מיר אין גלות, וואַלאַנער און פלעמער. און די פלעמער, וואָס פאַר אַ ליבע, האַרציקע מענטשן, נאָר זיי טוען פאַרזיסן אונדז די רייזע. זיי ווייסן, אַז מייסטנס פון אונדזערע פליכטלינגע קומען פון פוילן, דייטשלאַנד, עסטרייך, ווילן זיי אַז מיר זאָלן זיך פילן אין וואַגאָן ווי ביי זיך אינדערהיים...

זיי לאָזן אונדז ניט לאַנגווייליקן זיך. זיי זוכן פאַר אונדז אַמוזירונגען. אויף אייניקע סטאַנציעס אַראַנזשירן זיי פאַר אונדז אַנגענעמע סורפּריזן. זיי גיבן סך הכל אַ וואונק מיט אַן אייגל און עס רייסט זיך צו אונדז אַריין אַ כאַפּטע חברה־לייט און מען שלעפּט אַרויס אַ פּאָר יידן אויף דעם פּעראָן, מען פירט אויף זיי אויס אַ מענטשנפריינטלעכן אַקט און ביידע יידן בלייבן

ליגן אין אַ קאַלוזשע בלוט. באַשר דער ערשטער ייד איז אַ שפּיאָן און דער צווייטער — אַ „פּאַראַשוטיסט". איז טאַקע זייער קאַמיש, מחמת עס איז אַ מיספאַרשטענדעניש. דער ערשטער ייד, ווייזט זיך אַרויס, איז גאָר אַ דעמאָביליזירטער סאָלדאַט פון דער פראַנצויזישער אַרמיי און דער צווייטער איז גאָר אַ פרייוויליקער זעלנער, וואָס האָט זיך געשלאָגן ביי דער בעלגישער גרענעץ און איז פאַרוואונדעט. אַזאַ טעות! איז עס נישט צום לאַכן? כאַ-כאַ!

וועט איר פרעגן, צוליב וואָס טוען זיי דאָס, אונדזערע ליבהאַרציקע שכנים? איז ווידער דאָס אייגענע. כדי צו פאַרשאַפן אונדז פרייד און פאַרגעניגן.

איר ווייסט דאָך די מעשה מיט דעם פּריץ און זיין באַליבטן הונט. אַ פּריץ האָט געהאַט אַ הונט, האָט ער אים ליב געהאַט אהבת נפש. האָט דער פּריץ איינמאָל געדאַרפט אָפּפאָרן אויף עטלעכע טעג. האָט ער געבראַכט דעם הונט צו זיינעם אַ שכן און געבעטן, אַז דער שכן זאָל אָפּהיטן דעם הונט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ און זען פאַרשאַפן אים די גרעסטע פרייד און פאַרגעניגן.

אין עטלעכע טעג אַרום קומט דער פּריץ אַהיים און טרעפט, ווי זיין שכן רייסט דעם הונט פאַרן ווידל מיט אַלע כוחות און דער הונט נעבעך צערייסט זיך שרייענדיק, סכנות נפשות. פרעגט דער פּריץ:

— סטייטש? איז דאָס די פרייד און פאַרגעניגן, וואָס דו פאַרשאַפסט מיין טייערן הונט?

ענטפערט דער שכן:

— אַז איר וואָלט וויסן, ווי גליקלעך דער הונט פילט זיך, ווען ער רייסט זיך אַרויס פון מיינע הענט און לאָזט זיך לויפן, וואָלט איר פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ פרייד און נחת איך פאַרשאַף אים.

דעריבער זאָג איך: ווען איר וואָלט וויסן, וואָס פאַר אַ פרייד און גליק מיר פלעגן האָבן אַדורכפאָרנדיק אַ סטאַנציע און אַרויס בשלום אָן אַ הינדערכטונג, וואָלט איר געוואוסט, וואָס עס איז אַזוינס גליק און פאַרגעניגן אין לעבן...

און אַזוי זיינען מיר ווייטער געפאָרן, ווייטער אָנגעגאַנגען מיט אונדזער רייזע — אַן אמתע לוסטרייזע. ניט מער אין אונדזער וואַגאָן האָבן געפעלט עטלעכע קליינע באַקוומלעכקייטן: ברויט, לופט, וואַסער און אַ ביסל לעבנסרוים. נאָר אונדזערע שכנים האָבן אַלץ געטאָן פון אונדזערט וועגן. ערשטנס האָבן זיי „געמאַכט פאַרשווינדן" אונדזערע פעקלעך און זאַכן, ביז עס איז אונדז געוואָרן גראַמער און אָנגענעמער. מחמת עס איז דאָך באַוואוסט, אַז רייזן אָן פעקלעך און אָן באַגאַזש איז זייער באַקוועם, ביסט אַ פרייער פויגל; והצווייטנס האָבן אונדזערע שכנים אַזוי איינגעטיילט דאָס ביסל שפייז וואָס מ'פלעגט אונדז אַרויפברענגען, אַז מיר, די יידישע פּאַסאַזשירן, זיינען געוואָרן שטאַרק אָפּגעצערט, באַקומען די אמתע שלאַנקייט פון אַ גריכישער ליניע, פון וואָס אין אונדזער וואַגאָן איז נאָך בעסער און גראַמער געוואָרן; והדריטנס: איינער פון אונדז איז קראַנק געוואָרן און נאָך איינער האָט זיך אָנגעטאָן אַ פאַרגעניגן און איז גאָר אָוועקגעשטאָרבן. אַזאַ מאָדע האָבן זיי געמאַכט די יידן אויף אונדזער רייזע: ליגט זיך אָוועק אַ מענטש געזונט און פריש און אויף מאָרגן שטייט ער אויף אַ טויטער...

צוויי מעת-לעת איז ער געלעגן דער טויטער מיט אונדז אין וואַגאָן ווי אַ שררה. איך האָב געקוקט אויף זיין פנים פאַרוואַקסן און געל ווי אַ ברודיקער פאַרלעגענער אתרוג, און העגט אַראָפּגעלאָזן ווי וועקסענע יום-כיפּור ליכט און אַ צופרידן שמייכעלע אויף איין ווינקל פון בלויען מויל, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— גענוג. מער וויל איך נישט. איך האָב שוין גענוג. צוויי לאַגערן דורכגעמאַכט אין דייטשלאַנד, אַ יאָר צייט געווען אינטערנירט אין בעלגיען, און איצט שלעפּט מען זיך ווידער ערגעץ, און ווער וויים וואוהין? אויס! איך שטאַרב און טוט מיר עפּעס.

אויפן דריטן טאָג האָט מען זיי אַרויסגעטראָגן פון וואַגאָן און דאָן איז געוואָרן נאָך גערעמער און מען האָט זיך שוין געקענט אויסציען אויף אַ גאַנצער באַנק און פאָרן ווי אַ גראַף.

און אַזוי זיינען מיר געפאָרן דריי טעג און דריי נעכט, ביז אונדזער צוג איז אַראָפּ פון דער הויפּט באַנליניע און איז אַוועק בלאָנדזשען איבער פאַרשיידענע שמאָלע אייזנבאַן־ליניעס, צווישן פּראָוואָרפּענע שטעט־לעך און דערפער, צווישן ווייטע פרעמדע מענטשן און געגנטן, בערג און טאָלן און זאַמדן מיט פאַרשיידענע חיות און געוויקסן. דאָס האָט אונדז געגעבן צו זען די וועלט...

אַ וועלט, אַזאַ מזל אויף איר! און איך האָב שטענדיק די וועלט פאַר־גליכן מיט אַלדאָס גוטס: „גוט ווי די וועלט״; „קלוג ווי די וועלט״; „שיין ווי די וועלט״, און זי, די וועלט — נישט זי איז גוט, און ניט קלוג, און ניט שיין, נאָר פּשוט חלשות!

און נאָך עפּעס פאַרדריסט מיך, וואָס אונדזער שכן, לוי־יצחק דער שוחט, וואָס האָט געוואוינט מיט מיר אויף איין גאַס אין באָברויסק, — ער איז גאָר דער חכם און איך דער נאַר. מיר פלעגן אָפט דעבאַ־טירן. איך פלעג האַלטן פון דער וועלט אַן עולם ומלואו און ער פלעגט צו מיר טענהן, אַז איך פאַרשטיי די וועלט, ווי אַ ציג אין יורה דעה, נישט איך קען די וועלט און נישט איך קען די גוים. עס איז, זאָגט ער, זייער אַ פּאַסקודנע וועלט. מהאי טעמא, האָט ער געזאָגט, האַלט ער נישט פון „וועלטלעכקייט. וואָרעם וואָס פאַר אַ וועלטלעכקייט, זאָגט ער, קען עס זיין, אַז זי שטאַמט פון אַזאַ „וועלט״?

און ווייטער האָבן מיר זיך געשלעפּט. וואוהין? ביז וואַנען? און ווען וועט זיין אַ סוף צו אונדזער וואַנדערן? און צי וועלן מיר סתם ערגעץ דערפאָרן?

איך בין אַ פּאַראַשוטיסט

ענדלעך האָט אונדזער שלעפּ־צוג, ווי אַ מידער וואַנדערער, גענומען קריכן איבער זייטיקע וועגן, אַרויסוואַרפנדיק פון צייט צו צייט אויף די סטאַנציעס פעקלעך מענטשן־סחורה.

מיך מיט נאָך 25 פּליטלינגע פון אַנדערע פעלקער האָט מען אַראָפּ־געלאָזט אין אַ קליינעם דאָרף מיטן נאָמען „אָקס".

האָט איר געהערט אַזאַ נאָמען? דאָרפן דאָרף עס זיין פראַנקרייך און וואוינען דאָרפן דאָרט פראַנצויזן. נאָר ווען איר זענט דאָרטן, וואָלט איר געמיינט, אַז איר זענט ערגעץ פאַרקראָכן צו אַ ווילדן שבט אין מיטן אַפריקע.

אַ דאָרף, אַ העק,ביים סאַמע ברעג פון דרום פראַנקרייך. פינצטערע פאַרזשאַווערטע פּויערים און פּויערטעס, באַוואַקסענע מיט אַזעלכע אָנזע־עווּדיקע בערד און וואָנסעס, אַז כמעט יעדע פון זיי וואָלט געמעגט זיין אַלס חידוש אין אַ צירק.

אַלטע הייזלעך מיט שטרוי און שינדל־דעכלעך און מיט אַזעלכע הויזמעבל און קלאָזעט־ און קיך־איינריכטונגען, וואָס אפילו ביי די פאַר־צייטיקע ציגיינער וואָלט עס געהייסן אָפּגעשטאַנענקייט.

אָט אַהער בין איך פאַרטראָגן געוואָרן, ווי אַ שפּענדל פון דעם וועלט־שטורעם. דאָ בין איך מגולגל געוואָרן.

— דאָ — האָט דער וואָך־באַגלייטער צו מיר געזאָגט — וועסטו בלייבן. דאָ וועסטו זיין ווי אויף דאַטשע, אַ צוואַנג־דאַטשע, פון דאַנען טאָרסטו זיך נישט רירן.

און „פה תהיה קבורתך" — דאָ וועסטו באַגראָבן ווערן, האָב איך עס איבערזעצט אין קאָפּ אויף העברעאיש.

מען האָט אונדז פאַרנאַנדערגעקוואַרטירט אין דירות. מיך האָט מען אַריינגעזעצט אין אַן אַלטן שטעלכל ביים סאַמע עק פון דאָרף.

גלות

איך האָב אַנגעקוקט מיין איינקומעניש און מיין לאַגע און עס איז מיר געוואָרן אַזוי מלאָשנע אויפן האַרצן, ביז צו פאַרצווייפלונג. אַן אומע־טיקער האָב איך מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּריזבע.

באַלד איז אָנגעקומען אַ שליח און געמאָלדן: ביי דעם קירכע־פּלאַץ טיילט מען עסן. דאָרט האָב איך באַקומען אַ שטיקל האַרט ברויט און אַ שיסעלע זופּ, וואָס איך בין זיכער, אַז אין קיין שום קאָכבוך וועט איר אַזאַ פּאַטראַווע נישט געפינען, און אַז איר זאָלט פרעגן דעם גרעסטן קוכער ווי אַזוי מען מאַכט אַזאַ שלעכטע זופּ, וועט ער נישט וויסן.

אַ ווײַלע בין איך געבליבן שטיין מיט דעם מאַלצייט אין די הענט. נאָכדעם האָב איך מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קלעצל.

באַלד האָט זיך גענומען קלייבן אַרום מיר אַן עולם, פּויערים מיט זייערע ווייבער, קינדער און פּליכטלינגע, וואָס זיינען מיט מיר צוזאַמען געקומען. די ערשטע אַרבעט, וואָס זיי האָבן גענומען טאָן, איז געווען: קוקן אויף מיר. שטאַרק קוקן מיט אויסגעלופּעטע אויגן און מיט גרויס פלייס, ווי מען וואָלט זיי געדונגען דערצו. אַז מען איז מיד געוואָרן קוקנדיק, האָט מען זיך אָפּגערוט, און ווידער גענומען קוקן. נאָכדעם האָט מען גענומען רעדן האַלב־פראַנצויזיש און האַלב־שפּאַניש. מען האָט זיך געאַמפּערט, געמאַכט מיט די הענט, אַריינגעשושקעט איינער דעם אַנדערן אין אויער. קינדער זיינען אַלעמאָל צוגעלאָפן צו מיר, מיך אַרומגערינגלט, אַריינגעקוקט מיר אין די אויגן און אָפּגעשפּרונגען ווי אַ טשאַטע פייגל. ווידער דערנענ־טערט זיך און ווידער אָפּגעפלויגן.

די עלטערע האָבן געוואָרנט:

— גייט ניט צו נאָענט. מען טאָר ניט צוגיין צו אים נאָענט.

פון די געשפרעכן האָב איך אויפגעכאַפּט:

— נו, יאָ. דאָס איז ער.

— אַזוי זיינען זיי.

— אַ פּאַראַשוטיסט!

— אַזעלכע טראָגן קוילן־וואָרפער אין גאַרטל.

— שיסן פון די זייטן.

— אָבער ווי אַזוי נעמט מען דאָס אַן עלטערן מענטשן מיט אַ קראַנקער פוס און מען מאַכט אים פאַר אַ פּאַראַשוטיסט? איר זעט דאָך אַז ער הינקט אויף אַ פוס.

— הערסטו, דאָס איז דאָך די חכמה זייערע. צו וואָס זאָלן זיי נעמען אַ יונגן און אַ געזונטן מענטשן און לאָזן אים פליען מיט אַ פּאַראַשוט און מאַכן אים פאַר אַ קאַליקע, קאָן מען דאָך נעמען אַ פאַרטיקן קאַליקע און מאַכן אים פאַר אַ פּאַראַשוטיסט.

שלעכט איז געווען, וואָס איך האָב ניט געקענט פּאַראויסזען אין וועלכע לענדער איך וועל דורכגיין גלות און האָב ניט געלערנט די נייטיקע שפּראַכן. און אַזוי בין איך אין דער פראַנצויזישער שפּראַך געווען געהרגעט.

דער גלח פון דאָרף האָט מיר געפרעגט:

— ווי קומט עס, וואָס איר, אַ זשורנאַליסט, קענט ניט קיין פראַנצויזיש?

האָב איך אים געענטפערט:

אויף וויפל איך ווייס, זאָג איך, איז וויקטאָר הוגאָ אויך געווען אַ פיינער שרייבער און פונדעסטוועגן ניט געקענט קיין יידיש.

האָט ער זיך באַליידיקט, זיך אויסגעדרייט און אַוועקגעגאַנגען.

מען האָט אפילו אַראָפּגעבראַכט אַ פויער פון נעקסטן דאָרף, אַ פויער, וואָס שטאַמט פון רוסלאַנד און איז שוין 40 יאָר אין פראַנקרייך — ער זאָל מיך אויספאָרשן און זיך צונויפרעדן. איך האָב אים געוויזן מיין פּאַספּאָרט. ער האָט גענומען באַטראַכטן די שווערע עברי און געמאַכט אַן אַנטדעקונג: איך שטאַם פון בערלין. אָט שטייט דאָ בפירוש. פון וואַנען האָט ער עס גענומען? איז די זאַך פשוט: עס שטייט, אַז איך בין געבוירן אין באַברויסק, האָט ער עס איבערגעלייענט בערלין.

עס איז געווען קלאָר. מען האָט מיך אַנגענומען פאַר אַ שפּיאָן, פּאַראַשוטיסט און פינפטער קאָלומניסט.

אַרום מיר האָט זיך געטומלט. אַנדערע האָבן אפילו געביילט די פויסטן. פנימער האָבן געפלאַמט, פויערטעס האָבן געקוואַקעטשעט מיט סקריפּענדיקע שטימען. און איינע, אַ בעלגישע גויע, האָט זיך צעשריען

ווי אַ רעדנערין אויפֿן קול:

— ניט אמת! ער מאַכט זיך, אַז ער קען ניט קיין פראַנצויזיש! איך האָב אַליין געהערט ווי ער האָט גערעדט פראַנצויזיש אויסגעצייכנט, גלענצנדיק!

איך בין געזעסן אַ מטושטשער און אַ פאַרווירטער. איך האָב אַלץ געזוכט צו מאַכן אַ פּנים פון ניט קיין שפּיאָן. וואָס פאַר אַ מינע זאָל איך מאַכן? שמייכלען? וועט מען זאָגן: הע, הע, ער שמייכלט נאָך. זעט נאָר אַ שמייכעלע! נו, יאָ אַלע שמייכלען זיי אַזוי. זאָל איך מאַכן אַ טרויעריקע מינע? וועלן זיי זאָגן: ער איז טרויעריק. געוויס מעג ער טרויערן. מ'האָט געכאַפּט דעם פויגל. קיין גלעט אין בעקל וועט מען אים ניט געבן. איך וועל זיך אפשר אָנכמורען, מאַכן אַ ברוגזע מינע? וועט מען זאָגן: ער איז נאָך ברוגז. קוקט אים נאָר אָן, ער מאַכט זיך געקריוודעט. אפשר אַ גוטע מינע? וועט מען זאָגן: ער מאַכט אַ גוטע מינע צו אַ שלעכטן שפּיל.

אַזוי האָב איך געפּרוּווט קנייטשן מיין פּנים אין פאַרשיידענע מינעס ביז איך בין מיד געוואָרן און געבליבן זיצן אָן אַ מינע און אָן אַן אויסדרוק. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ווען איך קוק מיך אַליין אָן מן הצד ווי איך זיץ מיר אָט דאָ: אַ פאַרשוין מיט אַ מאָדנעם קאַפּעליוש, גרויסע ברילן און אַ שטעקן, וואָלט איך אַליין געזאָגט אויף זיך:

— נו, יאָ, דאָס איז ער — אַ שפּיאָן.

* * *

און דער חודש מאַי איז דאָך פאַרט געווען דער חודש מאַי.

עס איז צוגעפאַלן אַ שיינער זומערדיקער פאַרנאַכט. אַ בלאָס־בלאָער געשטרייפטער הימל. פון די פעלדער האָט זיך געטראָגן אַ זשומען פון פאַרשיידנאַרטיקע ווידמונגען. זשאַבעס האָבן געקוואַקעט און געמאַכט שטימונג. ווינטלעך האָבן פאַרפומירט די לופט מיט ליבע ריחות, און אַזאַ רחבותדיקייט האָט זיך געטראָגן פון די ברייטע פעלדער, אַז מיין געמיט האָט זיך באַרואיקט. איך בין אויפגעשטאַנען און אוועקגעשלייכט זיך צו מיין נייער דירה, אַריין אין מיין שטעלכל און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף

דעם נאַר־וואָס צונויפגעשלאָגענעם הילצערנעם בעטל. איך בין נישט געשלאָפן, מיין מוח איז געווען וואַך. אַ מילדע רואיקייט האָט מיר באַהערשט און איך האָב געטראַכט אַנגענעמע און פרידלעכע געדאַנקען.

איך האָב געטראַכט.

— באַלד וועט מען מיך לינטשן.

אָט דורך דער דאָזיקער אָפענער טיר, אָדער דעם פענצטער־לאָך, וועלן מסתמא באַלד אַריינקומען עטלעכע פויערים און מיך לינטשן. ווי אַזוי וועט מען עס מאַכן? איך ווייס נישט. איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען געלינטשט. מסתמא וועט איין פויער אַריינשטעכן מיר אַ מעסער, אַ צווייטער וועט מסתמא מיר דערלאַנגען מיט אַ האַק איבערן קאָפּ, פון וואָס איך וועל זיין טויט. איך וועל ליגן אין אַ קאַלוזשע בלוט. ברררר... עס מוז זיין ניט קיין אַנגענומענע פּאָזע צו ליגן אין אַ קאַלוזשע בלוט. אָבער אַ סענ־סאַציע וועט עס זיין. אויף מאָרגן וועט דאָס דאָרף גיין אויף רעדלעך. מענטשן וועלן אַרומלויפן און דערציילן איינער דעם אַנדערן: היינט ביינאַכט האָט מען דערהרגעט אַ שפּיאָן. דערהרגעט אַ מענטשן. נאַטשאַלסטוואָ וועט מאַכן אַן אויספאָרשונג. מען וועט מיך נאָך אוודאי פּאַלמעסן. וואָס פּילט אַ מענטש ווען מען פּאַלמעסט אים. איך ווייס נישט. מען האָט מיך נאָך קיינמאָל נישט געפּאַלמעסט. אָבער לאַנגווייליק וועט מיר נישט זיין.

אויף מאָרגן זיינען געקומען צוויי זשאַנדאַרמען פון דער נאָענטסטער סוב־פּרעפעקטור געקומען מיט אַ שליחות. זיי האָבען אַ באַפעל מיך צו פאַרשפּאַרן אין אַרעסט אויף עטלעכע טעג, באשר מען דאַרף מאַכן וועגן מיר אַן אויספאָרשונג. און פאַר מיר — זאָגט איינער פון די זשאַנדאַרמען מיר אויפן אויער, ווי ער וואָלט מיר אָנגעזאָגט אַ בשורה פון אַ גרויסער ישועה — איז געזינטער, ווען איך וועל איצט זיין אונטער אַרעסט...

און זיי מאַכן נישט קיין לאַנגע צערעמאָניעס און מען פירט מיר אַריין אין אַ פינצטערן אַלקער ביי דער פאָלק־שולע. אַ צימער אָן ליכט און אָן אַ פענצטער און אָן לופט. דאָ, אין דעם דאָזיקן צימער, האַלטן זיך אויף דער אַפּפאַל, מיסט, שמאַטעס און פאַרשיידענע ריחות. אַהער האָט מען מיך אַריינגעלאָזט, און די זשאַנדאַרמען האָבן אָנגעזאָגט דעם

מעיאַר פון דאָרף, אַז ער זאָל גוט אַכטונג געבן אויף מיר און זיצן אַ גאַנצע נאַכט ביי דער טיר.

אויף דער נאַכט האָב איך מיר אויסגעבעט מיין געלעגער, אונטער־געלייגט אַ הויפן אַלטע פּאַפּיר־העפטן און צעריסענע לערביכלעך, איבער־געדעקט זיך מיט אַ גרויסער אַלטער לאַנד־קאַרטע און זיך געפילט ווי אַ העלד אין אַ ראָמאַן, וועלכן מען האָט געפאַנגען און איינגעזעצט אין קערקער אריין. איך האָב מיר אויך פאַרגעשטעלט, אַז על פי שכל דאַרף באַלד קומען אַ פרוי, מסתמא אַ גרעפין, וואָס וועט מיך באַפרייען.

און איך בין איינגעשלאָפן.

באַלד האָב איך דערהערט עפּעס אַ שאַרכען ביים טיר און אַ קליינעם גערודער. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און אומגעקוקט אין דער פינצטערניש און זיך דערמאָנט, אַז דאָס ליג איך אַרעסטירט אין דער פאָלק־שולע. יאָ, דווקא אין אַ פאָלק־שולע. דאָ לערנען לערער מיט די קינדער גוטע מידות. מען דערציילט שיינע מעשיות פון מאַראַל און ליבע, מען לערנט זיי צו זיין שיינע גוטע לייט. מען זינגט מיט זיי לידלעך.

איצט האָבן זיי די לערער און די לערערינס אונטער דעם אויפזיכט פון דעם דאָרפסטאַטן אונטערגענומען גאָר אַן אַנדער לימוד. איצט מאַכט מען איבער מיר עקספּערימענטן און אויסשפּירונגען. דהיינו: מען הייסט די קינדער יעדע מינוט קלאַפּן ביי מיר אין טיר און ווען איך וועל זיך אויפכאַפּן און זיך אָפּרופן, זאָל מען הערן אויף וועלכער שפּראַך איך רוף זיך אָפּ, וועט מען זען, צי איך קען פראַנצויזיש.

צו מיין גליק האָב איך זיך יעדעס מאָל אָפּגערופן אויף יידיש: — ווער איז דאָרט? — דווקא אויף יידיש.

אַ גאַנצע נאַכט איז ביי מיין טיר אָנגעגאַנגען די דאָזיקע שפּיל. די לערער האָבן געכיכעט, די לערערקעס האָבן געקייכט, די קינדער האָבן אויסגעפירט די שליחות בשלימות און אַרומגעשטיפט. נאָר מיר האָט עס נישט געאַרט, זאָלן מענטשן זיך ווילן. זאָלן קינדער זיך שפּילן. וועמען אַרט עס? און איך האָב ניט געוואוסט, אַז אַ דאַנק דעם יידישן וואָרט „ווער איז דאָרט?" בין איך ניצול געוואָרן פון טויט.

אין איינזאַמע נעכט

— וואָס איך טו אין די פרייע מינוטן?

— אין די ליידיקע מינוטן זוך איך מיין ווייב, מיין פאַמיליע, מיינע פריינט און חברים.

שוין אין בריסעל האָב איך אָנגעהויבן זוכן מיין ווייב, אָבער אָן רעזול־טאַטן.

— ווי אַזוי איך האָב זי געזוכט?

אָ, עס איז געווען אַ פלאַנטער! דורך מיין מוח גייט דורך די גאַנצע פראָצעדור. עס פאַרדרייט זיך מיר אַזש דער קאָפּ.

אין איינעם אַ שיינעם טאָג האָב איך געהערט זאָגנדיק, אַז איינער אַ בייטל־מאַכער, וואָס וואוינט ביים אַלטן מאַרק, האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען אַ בריוו, וואָס זיינער אַ פריינט אַ פעקל־טרעגער האָט באַקומען פון לאָדזש, וואו עס וואוינט מיין פרויס אַ שוועסטער. איז דאָך מעגלעך, אַז דער שרייבער פון בריוו זאָל האָבן געזען מיין ווייבס שוועסטער. וועט עס דאָך זיין אַ לעבעדיקער גרוס. אלא וואָס דען? אפשר ווייסט איר ווי הייסט דער בייטל־מאַכער, וואָס האָט אַליין געזען דעם בריוו, כדי איך זאָל ביי אים אויסגעפינען, וואו עס וואוינט דער פעקל־טרעגער, וואָס האָט באַקומען דעם בריוו.

אַ פאַקט אָבער איז, אַז עס איז דאָ אַ בריוו פון לאָדזש, נמצא, אַז עס גייען בריוו פון פוילן. טאָ פאַרוואָס זאָל איך נישט שרייבן קיין בריוו קיין וואַרשע צו מיין ווייב? איז די פראַגע: אויף וועלכער שפּראַך? זאָגט מיר איינער: דייטש, אַ צווייטער: פויליש, אַ דריטער: פראַנצויזיש, אַ פערטער: רומעניש, מחמת דער בריוו קען גיין דורך רומעניע, און אפשר טאָקע אויף יאַפּאַניש אויך, מחמת דער בריוו קען גיין דורך יאַפּאַן.

און איצט דער אַדרעס. וועגן אַדרעס גיט מען מיר פֿאַרשיידענע עצות. טייל זאָגן, איך זאָל שרייבן „דייטשלאַנד" און טייל זאָגן — איך זאָל שרייבן „פּוילן". טייל זאָגן איך זאָל שרייבן ביידע: אי דייטשלאַנד, אי פּוילן. עס פֿרעגט זיך נאָר וועלכעס לאַנד פֿריער: צי „דייטשלאַנד" פֿריער דערנאָך „פּוילן", צי אומגעקערט. בלייבט ביי מיר, איך זאָל שרייבןביידע נוסחאות אויסקאָמבינירט אין פֿאַרשיידענע אופֿנים: דייטשלאַנד—פּוילן און פּוילן—דייטשלאַנד, אַ שטייגער: „מכשפה לא תחיה", „תחיה לא מכשפה", „מכשפה תחיה לא".

איצט איז געקומען די פֿראַגע: צי אַן איינצל פּאָסט־קאַרט, צי אַ טאָפּלט פּאָסט־קאַרט? האָב איך אָנגעשריבן 789 פּאָסט־קאַרטעס. איינצלנע און טאָפּלטע.

צוויי וואָכן בין איך אַרומגעלאָפֿן, זוכנדיק מענטשן שפּראַך־קענער, וואָס זאָלן מיר שרייבן די בריוו אויף פֿאַרשיידענע לשונות. וויפֿל עס האָט מיר אָפּגעקאָסט — רעדט שוין גאָרנישט.

אָוועקגעשיקט די בריוו, נאָר קיין תשובה איז נישטאָ.

נאָכדעם האָב איך געהערט זאָגנדיק, אַז עס איז געקומען צו פֿאָרן אַ בלאָנדע פֿרוי פֿון וואַרשע. זי הייסט רחל זילבערקאָסטן. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב שוין נישט גערוט. איך מוז זי אויפֿזוכן. נאָר וואו? און ווי אַזוי? מען זאָגט, אַז דאָס קען מען אויסגעפֿינען אין אַ קאַפֿע, ביי אַ געלן יונגענמאַן, אַ קאַפּעליוש־מאַכער. נישט מער, איך ווייס נישט ווי די קאַפֿע הייסט און ווי דער יונגערמאַן הייסט. נאָר דאָס קען מען אויסגעפֿינען ביים הענטשקע־מאַכער, וואָס איז אויסגעבונדן מיט אַלע געלע קאַפּעליוש־מאַכערס.

און אַזוי האָב איך, נאָך 6 טעג אַרומלויפֿעניש, געפּאַקט דעם געלן יונגנמאַן, וואָס האָט מיך געבראַכט אין דעם הויז, וואוהין די יידענע פֿון וואַרשע איז פֿאַרפֿאָרן. נישט מער, עס איז דאָ געשען אַ קליינער טעות: די בלאָנדע יידענע איז גאָר אַ שוואַרצער ייד, און ער הייסט נישט רחל לאה, נאָר אברהם זעליג און ער קומט נישט פֿון וואַרשע, נאָר פֿון ריאָ די זשאַנעיראָ.

וויטער בין איך געווען אין אויסערן־מיניסטעריום און אין קאָנסולאַטן: סאָוועטישן, דייטשישן, פראַנצויזישן, פּוילישן, שוועדישן, שפּאַנישן און אפילו אין טערקישן און נאָכגעפרעגט, ווי אַזוי איך קען מיך קאָמוניקירן מיט מיין ווייב אין וואַרשע.

געווען אין אינטערנאַציאָנאַלן רויטן־קרייץ אין „פּואַלע איזראַעליט", „ראַט", אין „דזשאָינט", „האיאַס", אין „אָרביס", אין קוקס רייזע־ביוראָ, אין „עזרה", האַנטווערקער־פאַרבאַנד, אין פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן, אין בידע לינת־הצדקס, איז די פליכטלינג־קאָמיטעטן, אין עמיגראַנטן־ביוראָ און נאָך אין אַזעלכע אינסטיטוציעס. באַקומען 5671 עצות, 3792 אַנטוויי־זונגען, 4368 אינסטרוקציעס, צו געפינען דעם ריכטיקן וועג צו קאָמוניקירן זיך מיט מיין ווייב אין וואַרשע.

דער תמצית פון אַלע עצות איז געווען דהיינו: איך זאָל שרייבן בריוו קיין קאָוונע, אַז מען זאָל אויסגעפינען מיין ברודער, וואָס איז געבליבן שטעקן אין טשערנאָוויץ, ער זאָל זיך ווענדן דורך דעם „פּאַלעסטינער אַמט" צו מיין שוואָגער וואָס איז אַנטלאָפן קיין לעטלאַנד, ער זאָל שרייבן אַ בריוו אין ייוואָ קיין ווילנע, מען זאָל אויפזוכן מיין פעטער ירחמיאל אין ביאַליס־טאָק, ער זאָל זיך ווענדן צום שווייצאַרישן רויטן־קרייץ, ער זאָל אויפזוכן מיין ווייב און איבערשיקן מיר אַ גרוס פון איר, אויב עס וועט פאַרן אַ בעלגישע דעלעגאַציע.

אַזוי האָב איך געטאָן, נאָר קיין רעזולטאַטן זיינען נישט געווען.

***

און נאָך טראַכט איך אין די שלאָפלאָזע נעכט.

איך טראַכט פון מיינע חברים און קאָלעגן: וואו זענט איר? וואו זענט איר איצט, מיינע טייערע חברים פון דער ליטעראַרישער משפחה? וואו זענט איר, די גרויסע קערנדיקע און רוישיקע קאָרפּאָראַציע פון די יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן?

אַ גרויסער שטורעם־ווינט האָט איך אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל, צע־שאָטן, פאַריאָגט, צעשטויבט אין אַלע עקן וועלט.

וואו זענט איר?

גלות

איך וועלכע וועגן בלאָנדזשעט איר עלנט און פאַרלאָזט? ווער לעבט נאָך און ווער איז געפאַלן אויפן וועג?

וואו זענט איר, חברים פריינט און חברים שונאים? יאָ, שונאים זיינען אויך געווען. אָפט צערייצט, צעבייזט געווען צווישן זיך. נישט איינציק, צעריסן, חלוקי־דעותדיק אין שטרייטיקייטן און משפטים.

שונאים..., ווי בלאַס דאָס איז איצט אַלעס, ווי קליין, ווי נישטיק אונדזערע קאַמפן און חלוקי־דעות זיינען איצטער, שונאים... גיט מיר אַהער איצט מיין גרעסטן שונא און איך וועל אים צו האַרץ צופאַלן, האַלדזן, קושן און — וויינען, וויינען, וויינען.

איך פאַרמאַך די אויגן און איך טראַכט. איך וויל צוריק וויזיאָנעריש אויפלעבן די אַלטע גוטע צייטן פון אונדזער שאַפן און קעמפן; פון אונדזערע מיטינגען, וואַלן, קבלת־פנימס, דיסקוסיעס, פרעמיע־אויסטיילונגען, הזכרות און שמחות, קריגערייען און רייסערייען — פאַרוואָס האָבן מיר דאַמאָלסט נישט געוואוסט ווי גוט אונדז איז?

ווי אַזוי איז עס אומגעקומען דער גרעסטער, מעכטיקסטער קולטור־צענטער, פון דעם גרעסטן קולטור־ישוב פון דער גאַנצער וועלט. דער גרעסטער רעזערוואואַר פון אַלע שטרעמונגען און אידייען, וואָס האָט געשפייזט און גענערט די אַלע יידישע קיבוצים פון אַלע לענדער און פראָווינצן.

וואו זיינען אַלע די קולטור־טרעגער, וואָרט־פירער, טאָן־געבער און טאַלאַנטפולע פירער?

איך בענק אַהיים.

***

עס שאַריעט שוין אויף פרימאָרגן. באַלד קומט דער טאָג וועל איך אַראָפּגיין קויפן אַ פּראַשעק צו קאַפּווייטיק.

מיין לעבן אין דאָרף

אין דעם דאָזיקן פּאַרוואָרפֿענעם פֿראַנצויזישן דאָרף בין איך געבליבן וואוינען על־היי אַ פֿאַרשיקטער, אַ מין ראָבינזאָן קרוזאָ, אונטער אַ פּאָליציי־אישער וואַך.

דער פֿאַרדאַכט אין פֿאַראַשוטיזם האָט זיך אַ ביסל אויסגעוועפּט, הגם אַ סך זיינען נאָך געבליבן ביי דעם חשד, אַז איך בין אַ שפּיאָן. אַזאַ געפֿער־לעכער שפּיאָן, וואָס מען קען אפֿילו אויף מיר ניט געפֿינען קיין שום חשד, אַז איך בין אַ שפּיאָן.

איצט האָט מען באַדאַרפֿט איינאָרדענען אַ שטיקל לעבן, איינפֿירן אַ שטיקל באַלעבאַטישקייט און זאָרגן פֿאַרן מאָגן.

דערביי האָב איך באַדאַרפֿט אונטערנעמען צוויי נייטיקע זאַכן: אויס־לערנען די פֿראַנצויזישע שפּראַך און אויסלערנען זיך קאָכן. די ערשטע זאַך האָט זיך מיר איינגעגעבן ניט שווער. דאַקעגן, דאָס צווייטע, איז שוין געווען פֿיל שווערער. עס איז מיר לייכטער געווען אויסצולערנען פֿינף לעקציעס אין דער פֿראַנצויזישער גראַמאַטיק, איידער אָפּצושיילן צוויי קאַרטאָפֿל, בפֿרט ווען דער קאַרטאָפֿל האָט געהאַט אין זיך טיפֿע חן־גריבלעך און קאַלטענעוואַטע וואָרצעלעך.

הויפּטזעכלעך איז מיר געווען שווער אויסצוזידן אַ ביסל מילך. שטענ־דיק האָט עס געהאַלטן אין איין אויסלויפֿן און אויסזידן. וויפֿל איך האָב מיך ניט באַמיט צו קאָנצענטרירן מיין גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט אויף דעם טעפּל מילך, בשעת עס קאָכט זיך, און געשטאַנען אויף דער וואַך, האָב איך דאָך ניט געקענט אייַנהיטן. שטענדיק אויסגעלאָפֿן.

נאָר וואָס איז דער חידוש. עס איז געווען אין אַ צייט, ווען אַלץ איז געלאָפֿן: מיליטער, ציווילע, פֿליכטלינגע, גענעראַלן, — מעג דאָך, על כל פּנים, ס'ביסל מילך אויך ווערן אַ פֿליכטלינג און אויך לויפֿן.

ענדלעך האָב איך דאָס אויך ביי־געקומען. איך האָב שוין געקאָנט אויפֿקאָכן מילך, מאַכן אַ הערינג, אויסוואַשן אַ העמד, שוין געוואוסט ווי

לאַנג מען דאַרף קאָכן אַן איי אויף האַרט, און ווי לאַנג — אויף ווייך, און ווי לאַנג מען דאַרף קאָכן אַן איי, עס זאָל זיין ניט געקאַכט. מיט איין וואָרט, אַ פאָלנע באַלעבאָסטע.

נאָר די גאַנצע תורה איז געווען אַרויסגעוואָרפן. מחמת גאָר איין־קורצן האָבן אָנגעהויבן אויסצופעלן מאַטעריאַלן. עס האָבן אָנגעהויבן אויס־צופעלן קאַרטאָפל צום שיילן, הערינג צו מאַכן און אייער צו קאָכן, זייף צום וואַשן. איך האָב שוין ניט געהאַט אויף וואָס אָנצואווענדן מיינע פּראַק־טישע קענטעניש, און בין פאַרבליבן בלויז ביי דער טעאָריע פון קאָך־קונסט, אָדער ווי הייַנטיקע פילאָסאָפן וואָלטן עס אָנגערופן די „אַבסטראַקציע" פון עסן.

דערווייל זיינען אָנגעקומען עטלעכע קליינע געשעענישן: דאָס אונטער־געבן זיך פון בעלגישן פאָלק און דער צוזאַמענברוך פון דער פראַנצויזי־שער אַרמיי.

ניט ווייט פון מיין דאָרף האָט זיך געצויגן אַ גרויסער נאַציאָנאַלער וועג, און אַט, שטייענדיק ביי דער זייט פון דאָזיקן וועג, איז מיר באַשערט געווען צו זען דעם גרויסן צוריקצוג פון דער פראַנצויזישער אַרמיי. איך האָב געזען באַשיינפּערלעך איינע פון די גראַנדיעזסטע געשעענישן. מ'איז ניט אָפּגעטראָטן, נאָר געלאָפן, געטראָגן ווי אַ צעשמעטערטע לאַווע, צוזאַמען מיט די אַלע איבעריקע אַרמייען, וואָס האָבן אָנטייל גענומען, מיט אַלע מלחמה־מכשירים, מיליטערישע בעבעכעס, מאַשינען, האַרמאַטן, טאַנקען, פערד און וועגן, און כל המינים באַפעלקערונג מיט ווייבער און קינדער און זקנים און קראַנקע אויף בעטלעך און קינדער אין וועגעלעך, און אַלץ איז געלאָפן, געיאָגט, געדרענגט איינער אויף דעם אַנדערן, געקנוילט זיך אין אַ ריזיקן קנויל. עס האָט אויסגעזען ווי עס וואָלטן זיך צוזאַמענגעטראָפן עטלעכע וועלט־קאַטאַסטראָפעס מיטאַמאָל: דער מבול, סדום ועמורה, אַ וואָלקן־אויסברוך און אַן ערדציטערניש האָבן זיך צעטאַנצט אַ שדים־טאַנץ.

איך בין געשטאַנען און געטראַכט: רבונו של עולם, דאָס אַלץ איז מיר באַשערט צו זען. איך מיט מיינע שוואַכע כוחות דאַרף האָבן אַזאַ גרויסע, געדיכטע שטיק געשיכטע. אויף מיינע אָרעמע פּלייצעס האָסטו אַרויפגע־כמאַליעט אַ פּאַק מיט אַזעלכע ריזיקע קאַטאַסטראָפעס. אַט שטיי איך און

זע דאָס, וואָס מיליאַרדן מענטשן האָבן עס ניט געזען פאַר מיר און מיליאַרדן מענטשן וועלן עס ניט זען נאָך מיר, נאָר פּונקט איך דאַרף עס איצטער צוזען.

איך וואָלט געקענט באַשרייבן דאָס גאַנצע בילד און שילדערן עס מיט גרויס טאַלאַנט און פּאַטאָס. נאָר איך האָב באַשלאָסן איבערלאָזן דאָס פאַר אַ צוקונפטיקן טאָלסטאָי, אַ האָמער, אַ ירמיהו הנביא, זאָלן זיי אויך האָבן וואָס צו שרייבן. מען דאַרף דאָך ניט אויסכאַפּן די גאַנצע קונסט פאַר זיך אַליין.

**
*

די לאַגע אין מיין דאָרף איז געוואָרן אַנגעלאָדן מיט אויפגערעגטקייט, מיט שנאה, ווילדקייט, צער, יאוש און נאָך אַזעלכע לייטזעליקע מילדע שטימונגען, וואָס מאַכן זיס דאָס לעבן. די איינוואוינער האָבן גענומען קוקן אויף מיר ווי בייזע וועלף. די יעניקע, וואָס פלעגן נאָך אַ מאָל זאָגן מיר „גוט מאָרגן", האָבן עס אויפגעהערט. זיי זיינען זיכער געווען, אַז דאָס האָב איך געמאַכט די וועלט־מלחמה, פאַרקויפט בעלגיע, אַז איך בין שולדיק אין דער גרויסער וועלט קאַטאַסטראָפע און איך האָב געבראַכט דעם חורבן פון פראַנקרייך.

אַזוי האָט באַהויפּטעט די פלעמישע גויע, וואָס האָט פאַרזיכערט די אָרטיקע איינוואוינער, אַז זי האָט אַליין געזען ווי איך שרייב פאַרדעכטיקע בריוו פון רעכטס אויף לינקס און שיק זיי אַפּ אויף פּאָסט.

דערווייל האָט מען אַריינגעזעצט אין אונדזער דאָרף דריי הונדערט סאָלדאַטן, וואָס זיינען געקומען פון פראָנט. איך האָב אַלץ נאָכגעקוקט און געשטודירט די פּנימער פון דער באַפעלקערונג, ווי אויך די פּנימער פון די סאָלדאַטן, אַריינגעקוקט זיי אין די אויגן, געשטודירט, געפאָרשט. איך האָב אַלץ געוואָלט זען ווי פילט זיך אַ פאָלק, ווען עס לעבט איבער אַ מפּלה, ווי נעמט עס אויף אַזאַ צוזאַמענברוך, אַזאַ צעשמעטערונג און אַזאַ חורבן. אָבער איך האָב גאָרניט באַמערקט. אויב די איינוואוינער זיינען יאָ געווען אַ ביסל צערייצט און צעכעסט, אַלמאַי די „קעסטניקעס" נעמען ביי זיי צו דאָס עסנוואַרג, זיינען אָבער די סאָלדאַטן געווען גאַנץ רואיק, גלייכגילטיק און, איך וואָלט זאָגן, אַ ביסל אינערלעך צופרידן,

געטראָגן די פאַרבאַרגענע צופרידנקייט ווי געהיימע קאָנטראַבאַנדע. און איינער אַ סאָלדאַט האָט זיך מיר אפילו פאַרטרויט, ניט אָן פרייד, אַז דער־ווייל האָט ער געוואונען די מלחמה: ער לעבט נאָך. גאַנצע מחנות פלעגן זיי אַרומשפאַצירן איבער די געסלעך פון דאָרף און איבער די וועגן און גערטנער מיט פאַנאַנדערגעשפּילטע קורטקעס, מיט שטעקענעס אין הענט, אָנשטאָט די ביקסן, געזשליאָקעט שלעכטן ווײַן און... געזונגען „קיצלדיקע פראַנצויזישע לידלעך" מיט געמאַכטע טרויער־מינעס. אָבער קיין מגע ומשא האָבן זיי מיט מיר ניט געהאַט, מחמת מען האָט זיי אָנגעזאָגט אין דאָרף, אַז זאָלן מיט מיר ניט האָבן קיין מחזקות, ווייל איך קען נאָך אויסגעפינען זייערע סודות... האָבן זיי פון מיר געוויכט.

האָב איך זיך אַרומגעדרייט עלענט און איינזאַם, און וואָס איינזאַמער און עלנטער איך בין געווען, אַלץ מער האָב איך געוועקט אַ פאַרדאַכט.

און איך האָב דערפילט דעם אמתן גלות. און וואָס גלות איז, ווייסט איר דאָך. אויב די קרעמערקע האָט מיר אויפגעהערט צו פאַרקויפן שפּייז, האָב איך אפילו מורא געהאַט אויף איר זיך צו באַקלאָגן. וואָרעם זי קען נאָך אָנווייזן, אַז זי האָט אַליין געזען, ווי איך האָב ביינאַכט געקוקט אויפן הימל און געגעבן עפּעס מאָדנע צייכנס צו דער לבנה, און דאַן כאַפּט מען מיר גלייך אויף, און איך וועל ניט וויסן, וואו מיין געביין איז אַהינגעקומען. איך האָב געטראָגן מיין „באַנזשור" (גוט מאָרגן) יעדן איינעם וואָס איז מיר געקומען אַנטקעגן. מיט אַ געהעריק אויסגעמייסטרעוועט זיס שמייכעלע, אָפּטמאָל צוליב מיין קורצזיכטיקייט, אונטערגעטראָגן מיין „באַנזשור" אפילו אַ קו אָדער אַ פערד.

און אַז איך האָב געזען, אַז מען זעצט אונדז אַריין 300 זעלנער, האָב איך זיך דערביי געפרייט: היתכן? איז עס מעגלעך, אַז צווישן 300 סאָלדאַטן זאָל איך ניט געפינען קיין איינעם אַ קולטורעלן מענטש פונעם גרויסן פראַנק־רייך, וואָס קען פרעמדע שפּראַכן, וואָס זאָל זיך מיט מיר צונויפרעדן און מיט מיר זיך מענטשלעך פאַראינטערעסירן? האָב איך אָבער אַזאַ איינעם ניט געפונען. בלויז איינער איז געווען, אַ סאַרדזשענט, אַ געוועזענער לערער אין אַ דערפל ביי קאַלעי; דער איינציקער אינטעליגענט, וואָס האָט פאַר־

שפרייט אין דאָרף ליכט און וויסן. ער האָט גענומען אויפקלערן די באַפעל־קערונג פאַרשיידענע קולטורעלע ידיעות וועגן וועלט און מענטש.

די ערשטע אַנטדעקונג, וואָס ער האָט געמאַכט, איז געווען, אַז איך בין אַ ייד, איינער פון אַ געפערלעכער אומה, וואָס באַשטייט פון לויטער גנבים און מאַשעניקעס, אַז זיי, די יידן, האָבן אַ קעניג, וואוינט ער אין שיקאַגע און הייסט סאָלאָמאָן און ער האָט געגעבן די יידן די „טאָראַ" מיט פאַרשיידענע געבאָטן. דאָס גרעסטע געבאָט איז, אַז יעדער ייד איז מחויב צו באַגנבענען אַ קריסט. מעגלעך, אַז איך בין ניט פרום און היט ניט דעם דאָזיקן געבאָט, אָבער אַ פרומער ייד מוז היטן די דאָזיקע מצווה און באַגנבענען די קריסטן. דעריבער זיינען די יידישע רבנים, זייערע גייסטלעכע, וואָס טראָגן גרויסע בערד און פאות, זיכער גנבים, מחמת זיי זיינען דאָך פרום, און מען דאַרף זיך פאַר זיי היטן ווי פאַר פייער.

און דעריבער — האָט ער, דער זעלנער, אַריינגעבראַכט ליכט אין די פינצטערע מוחות פון די פויערים — האָבן די רבנים זיך פאַרשטעלט אַלס מיניסטאָרן און אומגעבראַכט פראַנקרייך. איין רב, וואָס איז געווען דער מיניסטער מאַנדעל, האָט אַוועקגעגנבעט די שליסלען פון דער מאַזשינאָ ליניע און פאַרקויפט צו דייטשלאַנד. דער צווייטער רב — מיניסטער בלום — האָט געמאַכט אַן אַלגעמיינעם פאַלקס־פראָנט מיט מוסאָליניך. און דער דריטער רב — ראָטשילד — האָט אַוועקגעגנבעט 37 אונטערוואַסער שיפן און זיי פאַרקויפט צו פאַלעסטינע.

פון דאַן אָן איז מיין לעבן אין דאָרף געוואָרן אומדערטרעגלעך. די באַפעל־קערונג האָט פאַר מיר געקראָגן אַ מיסטישע שרעק. פון די צוויי שפּיז געוועבלעך האָט איינע אינגאַנצן אויפגעהערט מיר צו פאַרקויפן שפּיז. נאָר די צווייטע, פון גרויס רחמנות וועגן, האָט מיר אָנגעבאָטן, אַז זי וועט מיר בשתיקה פאַרקויפן... ווייַן. ווייל מען קען דאָך ניט נעמען אַ מענטשן, אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, הגם אַ ייד, און אַוועקקוילענען און ניט פאַר־קויפן קיין ווייַן...

עס איז געוואָרן ביטער, זייער ביטער. און איך האָב באַשלאָסן עוקר זיין פון דאַנען און אַנטלויפן קיין טולוז.

הונגער

דער הונגער איז אָנגעקומען „מיט זיין צויבער, מיט זיין פּראַכט״, געשפּרייזט מיט דער־ביינערדיקע ריזנטריט איבער לאַנד און שטאָט און דאָרף און דערגרייכט אויך מיין דאָרף, וואו איך האָב זיך אויפגעהאַלטן, ערגעץ ניט ווייט פון טולוז, וואָס אין פראַנקרייך.

און דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט און געוואַקסן מיט אַזאַ דערפאָלג און התמדה, כאָטש נעם און גיב אים אַ מעדאַל.

אין איינעם פון יענע ליכטיקע טעג האָב איך זיך געהויבן אויף די טרעפּ צו מיין היים און געמוזט זיך אָנהאַלטן און קלאַמערן אָן פּאַרענטש מיט ביידע הענט, אָנשטאָט וואָס ערשט מיט צוויי טעג צוריק איז געווען גענוג זיך אָנהאַלטן מיט איין האַנט. איצט האָב איך זיך געמוזט שוין אָנהאַלטן מיט ביידע הענט און געדראַפּעט זיך אַרויף, ווי אַ קראַנקער, וואָס קומט אַהיים פון שפּיטאָל נאָך אַ לאַנגן טיפוס.

די הענט האָבן מיר געציטערט, ווי ביי אַ זקן, וואָס וויל נעמען אַ שמעק טאַבאַק און קאָן ניט. די פיס האָבן זיך מיר געבראָכן און זיך געטרייסלט ווי כ׳וואָלט טאַנצן אַ טשאַרלסטאָן. אויפן אָרט פון מיין האַרץ האָט געהערשט אַ געדיכטע פוסטקייט און אַ פאַרחלשטקייט און פון מאָגן האָט זיך געטראָגן אַ גערויש, ווי פון אַ קאַליע־געוואָרענער ראַדיאָ.

העכער־צו האָב איך שוין געמוזט קריכן אויף אַלע פיר, אַ פּאָר מאָל זיך אָפּגעשטעלט, כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

ביי מיין טיר האָב איך מיט ציטערדיקע פינגער געהאַלטן מיין שליסל און לאַנג אַרומגעפּאָרעט זיך אַרום שליסל־לאָך.

אַריינגעקומען אין צימער, און ניט האָבנדיק קיין כוח אויסצוטאָן מיין מאַנטל, האָב איך זיך אָנגעטאָן אַ וואוילטאָג און זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן בעטל אין מיין גאַנצן אָנטועכץ.

אַן אַנדערער וואָלט געקענט מיינען, ווער ווייס וואָס פּאַר אַ לאַנגן

מהלך איך האָב איצט דורכגעמאַכט און ווער ווייס וואָס פאַר אַ שווערע משא מיט ציגל איך האָב איצט געטראָגן אויף מיינע פּלייצעס באַרג אַרויף. סך־הכל אָבער איז עס געווען אַ קנאַפּער מהלך, בלויז אַ צוויי־דריי געסלעך בין איך דורכגעגאַנגען. געזוכט עסנוואַרג אין די שפּייז־קראָמען און — ניט געפונען.

אויף די טירן פון די שפּייז־קראָמען זיינען געווען אַרויסגעהאַנגען לאַנגע צעטלען, וואו עס זיינען געווען גענוי אויסגערעכנט די אַלע שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס זיינען... נישטאָ:

ברויט נישטאָ,
פּוטער נישטאָ,
קאַרטאָפל נישטאָ,
נאַפט נישטאָ,
ברען־ספּיריטוס נישטאָ,
טאַבאַק נישטאָ,
מילך נישטאָ,
פלייש נישטאָ,
צוקער נישטאָ,
קעז נישטאָ,
פּרוכטן נישטאָ,
גרינס נישטאָ,
גאַרנישט נישטאָ.

דערביי איז אויך געווען אַרויסגעהאַנגען אַ פּלאַקאַט מיט אַ פּאָליציי־אישע מעלדונג:

„די שפּייז־געשעפטן מעגן זיין אָפן בלויז דריי שעה פאַרמיטאָג. פאַר־קויפן סחורה מעג מען: פון 7 ביז 8 פאַר איינוואוינער פון דארף גופא; פון 8 ביז 9 פאַר פּראָגנצוויזישע פליכטלינגע; פון 9 ביז 10 — פאַר בעל־גישע פליכטלינגע; פון 10 ביז 11 — פאַר פליכטלינגע פון אַנדערע נאַ־ציעס — קריסטן; פון 11 ביז האַלב נאָך 11 — מעג מען פאַרקויפן עסן נאָר צו יידן.

נאָר פונקט 11 אַ זייגער איז שוין ניט געווען גאָרניט, וואָס צו פאַרקויפן.

בין איך געלעגן אין בעט ווי אַ גראַף און זיך צוגעהערט צו מיין איינגעווייד, וואָס, אַ שטייגער, טוט זיך דאָרט, ווען מען האָט שוין דריי טעג ניט אַריינגענומען קיין ביסן אין מויל, אַ חוץ אַ ביסל וואַסער.

הייסן הייסט אַזאַ צושטאַנד: הונגער. דאַרף על פּי שכל און על פּי לאָגיק זיין הונגעריק. וואָס־זשע, אַ שטייגער פילט מען, ווען מען איז הונגעריק? און וואָס, אַ שטייגער, פאַר אַ טעם האָט עס הונגער?

איך האָב דורכגעבלעטערט אין מיין זכרון אַ סך ביכער, וואָס איך האָב געלייענט וועגן הונגער. זיי אַלע האָבן געשילדערט דעם טעם און געפיל פון הונגער, זיינע פּסיכאָלאָגישע און פיזישע שפּירונגען, אָבער קיין ריכטיקע שילדערונג האָבן זיי ניט געגעבן. ס'איז עפּעס ניט דאָס.

עס ווילט זיך עסן?

ניט ריכטיק. אָט, למשל, בין איך איצט אַזוי הונגעריק, אַז איך פיל לחלוטין ניט, אַז איך וויל עסן. ניט מער, איך בין שוואַך, שטאַרק שוואַך. דאָס האַרץ איז ביי מיר אויסגעהוילט און פול מיט ליידיקייט. עס ציט און עס חלשט און איך פיל ווי די געדערים שרומפּן מיר איין, און איך דאַרף שוין אין הויזן־פּאַסעק מאַכן אַ פרישן לעכל. אין די אויערן זשומעט מיר אַזוי שטאַרק, אַז איך הער שוין ניט דאָס זשומעניש. מיינע פינגער זיינען קלעצלדיק און האָבן אפילו ניט קיין קראַפט זיך צוצומאַכן אָדער זיך צו עפענען. סתם געליימט.

פיל איך אַ וויטיק? ניין. קיין וויטיק פיל איך אויך אין ערגעץ נים. אדרבה, עס איז מיר גאָר לייכט, גלייכגילטיק. מען קען זאָגן אַ ביסל אַנגעגעבם. עפּעס אַ זיסע מהיכא־תיתאדיקייט פילט אַן מיין געמיט. דאָקטוירים זאָגן טאַקע, אַז הונגערן איז אַ גוטע זאַך. הונגערן איז געזונט צום געזונט. און די מעדיצינישע סטאַטיסטיק באַהויפּט אויך, אַז מענטשן זיינען מער געשטאָרבן פון עסן, ווי פון הונגער. ווייטער איז באַוואוסט, אַז דער ענין תענית איז אויך אַ געזונטע זאַך פון שטאַנדפּונקט פון היגיענע און אַ סגולה צו אריכת ימים.

הכלל, עס איז גוט און וואויל, אַ מחיה. נישט מער — עס ווילט זיך עסן! אוי, ווי עס ווילט זיך עסן! . . . איך וואָלט, דאַכט זיך, איצט אויפֿגעגעסן דעם שור־הבור מיט די לאַפּטשעס.

טשאַפּלין שטעלט פֿאַר אין איינעם פֿון זיינע פֿילמען אַ הונגער־בילד. טשאַפּלין הונגערט. דער הונגער איז אַזוי שטאַרק אַז ער קאַכט אָפּ אַן אַלטן שוך און עסט אים מיט גרויס אַפּעטיט, שמאַצקעט אפֿילו אויס די טשוועקעלעך פֿון די זוילן און פֿאַסמאַקעוועט זיך.

איך וואָלט עס איצט אויך געטאָן, נאָר וואו מען נעמט מען אַ ביסל ברען־ספּיריטוס אויפֿצוקאָכן אַ ביסל וואַסער, אויפֿצוקאָכן אַ פּערטל שוך?

איז וואָס־זשע טוט מען? מען דאַרף ניט טראַכטן וועגן עסן. אין אַזאַ צייט איז דאָס בעסטע ניט צו טראַכטן וועגן דעם ענין אכילה. פֿאַרגעסן די מיאוסע טבֿע פֿון עסן. פֿאַרשלאָגן די געדאַנקען מיט עפּעס אַנדערש, זיך צעשטרייען מיט אַנדערע זאַכן.

אפֿשר אַריינקוקן אין אַ ביכל?

איך מאַך אַן אָנשטרענג. שטרעק אויס מיין פֿאַרגליוערט־פֿאַרחלשטע האַנט צו דער ביכער־שאַפֿקע, וואָס שטייט נאָענט צו מיין בעט, שלעפּ אַרויס דאָס ערשטע בעסטע ביכל וואָס קומט מיר אונטערן האַנט.

דאָס ביכל איז אַ לערביכל פֿון דער פֿראַנצויזישער שפּראַך, מיט אַ יידישער איבערזעצונג. אין פּראָזע אויף פֿראַנצויזיש, אַ צווייטע אויף יידיש, אַ ביכל מיט ניטיקע געשפּרעכן, פֿראַגעס און ענטפֿערס. כדי צו לייענען, ווי זיך צונויפֿרעדן אויף דער באַן, אין וואַגאָן, אין האָטעל,ביים דינגען אַ צימער, אין רעסטאָראַן, אין באַד־אַנשטאַלט, ביים דאָקטער, ביים באַרבער, דענטיסט, און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. איך מיש אויף דאָס ביכל און לייען:

„רעסטאָראַן — אין רעסטאָראַן.
גאַרסאָן, לאַ קאַרט! — קעלנער! די שפּייז־קאַרטע!
די פּען פֿרע — פֿרישע ברויט!
ען בויאָן — אַ בוליאָן!
די פֿואַ גראַ — פּאַשטעט פֿון געגנדזענע לעבערלעך.

גלות

ען טיורבאָ סאָס מאיאנעז — פיש אין מאַיאָנעז.

די פולעי ראָטי — געבראָטענע הון.

די קאָנאַר פריט — געפּרעגלטע קאַטשקע".

עס פאַרגייט מיר די שפּייעכץ אין מויל. איך גיב אַ שלונג ווי אַ גאַנדז און שלינג שיר נישט אַראָפּ מיין צונג. אַ שוים גייט מיר אַרויס אויף די ליפּן. איך לייען ווייטער:

„קאמפּאָט דע׳ז אבריקאָ — קאָמפּאָט פון מאַרעלן.

איך גלאָס — אייז קרים.

ען גאָטאָ אַ לאַ קרעם — קוכען מיט קרעם.

דע׳ז־אמאַנד — מאַנדלען.

לאַ קאָנפיטיר דער רעזען — איינגעמאַכץ פון ווייַנטרויבן".

די צונג טריקנט מיר שוין ווי אַ קלאָץ. אין מויל שמאַכט מיר ווי אין אַ מדבר. די אונטערשטע ליפּ פאַלט ביי מיר אַרונטער ווי ביי אַ גוססע שקאַפּע. איך לייען ווייטער:

„גאַרסאָן, דאָנע מוא אין בוטעי דע שאמפּאַן — קעלנער, גיב מיר אַ פלאַש שאַמפּאַניער.

קאַפע קרעם — קאַפע מיט שמאַנט.

ען שאָקאָלאַ — אַ שאָקאָלאַד.

ען ליקער — ען ליקער — אַ ליקער!"

עס פאַרשצעמען זיך מיר פּלוצלונג די ציין. די ליפּן קרימען זיך מיר אויס אין אַ ביטערע גרימאַסע. איך כאַפּ דאָס ביכל אין מיינע אויסגע־קרימטע פינגער, וואָס זיינען פּלוצלונג געוואָרן שטייף ווי צוואַנגען, און איך הייב אָן צו רייסן דאָס ביכל אויף פּיצלעך. צעפּליקטע בלעטלעך הייבן אָן צו פליען איבערן צימער ווי אַ זאַווערוכע, מיין קאָפּ פאַלט אַרונטער ווי אַ שווערע משא אויפן קישן, און איך פאַרגיי אין אַ טיפן לאַנגן חלשות.

ליג איך אין חלשות אַזוי לאַנג, ביז עס ווערט מיר נמאס דאָס ליגן אין חלשות. מונטער איך מיר אַליין אָפּ און באַשליס, אַז עס איז זייער ביטער און מען דאַרף אַנטלויפן פון דאַרף און לויפן אין דער נאָענטסטער שטאָט — קיין טולוז.

טולוז

טולוז איז די הויפּט־שטאָט פון דעפּאַרטאַמענט הויך־גאַראָן, וואָס ליגט אין מיטל־פראַנקרייך. זי איז אַן אַלטע היסטאָרישע שטאָט און מען האָט געקענט וועגן איר אָנשרייבן אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן, הן בנוגע אַלגע־מיינער געשיכטע, והן בנוגע די יידישע געשיכטע. איך וואָלט עס געקענט טאָן גאָר פיין, ווען עס זאָל ניט געוועזן זיין אַזוי הייס און איך זאָל זיך ניט פוילן אַריינקוקן אין די ענציקלאָפּעדיעס. נאָר מחמת עס איז זייער הייס און איך פויל מיך צו נעמען גריבלען זיך אין די ענציקלאָפּעדיעס, וועל איך בעטן מיינע לעזער, זיי זאָלן זיך אַליין מטריח זיין און אַריינקוקן אַהין, וועלן זיי אַלץ געוואויר ווערן.

איך וויל נאָר זאָגן וועגן דער קעגנוואַרט. און אין דער קעגנוואַרט שפּילט די דאָזיקע שטאָט איינע פון די קאָלאָסאַלע ראָלעס אין דער גרויסער פליכטלינג־טראַגעדיע.

די שטאָט ליגט אויפן סאַמע מיטלפּונקט פון אַלע וועגן און שליאַכן, אויף וועלכע עס האָבן זיך געטראָגן די גרויסע שטראָמען פון פליכטלינגע פון אַלע פעלקער, וואָס זיינען געלאָפן פון דער דייטשישער אינוואַזיע.

אַהער זיינען אויך אָנגעקומען די אַלע אָפּטרעטנדיקע חיילות, וואָס האָבן געקעמפט אויף די אַלע שלאַכטפעלדער פון די דייטש־בעלגיש־האָלאַנד־פראַנצויזישע און אַנדערע מלחמה־געביטן.

דאָ, האָט מען געדענקט, וועט די דייטשישע אינוואַזיע ניט דערגרייכן; דאָס דאָזיקע געביט וועט בלייבן ניט אָקופּירט, און דאָ וועט מען קאָנען אָפּכאַפּן דעם אָטעם. הגם מיט וואָס צו אָטעמען איז שוין ניט געווען.

מחמת די שטאָט, וואָס פאַרנעמט אַ שטח פון 6 קוואַדראַט קילאָמעטער און פאַרמאָגט 400 טויזנט איינוואוינער, איז פלוצלונג פאַרוואַנדלט געוואָרן

ג ל ו ת

אין אַ שטאָט פון צוויי מיליאָן מענטשן פון כלערליי פעלקער און ראַסן און פאַרבן, וואָס האָבן פאַרפלייצט די דאָזיקע שטאָט, ווי אַ שטייענדיקער ים. איך זאָג „אַ שטייענדיקער״, ווייל רירן זיך פון אָרט האָט מען זיך ניט געקענט, איז אין דער גאַנצער שטאָט געשטאַנען אַ געדרענג און אַן ענגשאַפט, אַ שטייגער, ווי זאָל איך אייך זאָגן... אָט שוין אַ פערטל שעה, אַז איך האַלט די פעדער און זוך אַ פאַרגלייך און קאָן ניט געפינען. אפשר ווי אין אַ קליינשטעטלדיקער עזרת נשים יום כיפור צו כל נדרי? ניין. צי אפשר ווי ערב ראש השנה אין גער, אין רבינס הויף, ווען די טויזנטער חסידים שטופן זיך צום רבין געבן שלום עליכם? צי אפשר צו דער כאָדינקע אין מאָסקווע בשעת דער קאָראָנאַציע פון ניקאָלאַי דעם צווייטן, וואו עס זיינען דערשטיקט געוואָרן צענדליקער טויזנטער מענטשן? צי אפשר צו דעם געדרענג פון די מאַסן אין אַ ברענענדיק טעאַטער? ניין. איך האָב עפעס ניט קיין געלונגענעם פאַרגלייך. און דעריבער וועל איך זאָגן, ווי יעדער שרייבער, ווען אים פעלט אויס לשון, „עס איז געווען אומבאַשרייבלעך ענג״ און יוצא.

איך קאָן נאָר זאָגן, אַז עס איז געווען אייך גרויסע צונויפגעשטיקטע מיליאָן־קעפיקע מאַסע, פון וועלכער עס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט משונה־מאָדנע מלחמה־מכשירים, צעבראָכענע עראָפלאַנען, טאַנקען, צעלעכערטע אויטאָס, משא וועגענער מיט פעק, און פליכטלינגע, פליכטלינגע, וואָס האָבן אָנגעפילט די גאַראַזשען, וואָקזאַלען, צוגן, קאַזאַרמעס, שטאַלן, שייערן, שולן, קלויסטערס, פלעצער, סקווערן, גאַסן, הויפן און טרעפ.

אַז איך בין צוגעפאָרן צום שטאָט און געוואָלט אַריינגיין, האָב איך ניט געקאָנט. ניט ווייל מען האָט באַדאַרפט האָבן אַ ספעציעלע דערלויבעניש אָדער מען האָט מיך פאַרהאַלטן ביי דער ראָגאַטקע, נאָר פשוט, ווייל איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אַ וואַנט פון מענטשן. אַ שוואַרצע בלינדע וואַנט, ווי אַ מויער. ניט דורכצוקריכן און ניט דורכצוברעכן.

האָט איר געהערט, מען זאָל ניט קאָנען אַריינגיין אין אַ שטאָט, ווייל די שטאָט איז אָנגעפראָפט מיט מענטשן?

איך האָב זיך אַנגענומען מיט כוח און גענומען קריכן אין דער וואַנט אַריין, זיך געשטופּט דורך דער געדיכטער מענטשן מאַסע, ביז ערשט צו דער נאַכט צו זיך דערשלאָגן צום הויז, וואו עס האָט געוואוינט מיין באַקאַנ־טער, דער בריסעלער רב סעגאַלאָוויטש.

דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקע דירה. און מערקווירדיק איז עס געווען דערמיט, וואָס די דירה האָט פאַרמאָגט איין צימער מיט אַ גרויסער רחבותדיקער פאַדלאָגע. אַ פאַדלאָגע מיט אַ פּאַסאַדסקע פון פּאַניר און ניט פון ציגל און ליים, ווי די מערסטע פאַדלאָגעס אין טולוז.

די דאָזיקע פאַדלאָגע האָט געהאַט אַ גרויסן שם און איז געווען שטאַרק פּאָפּולער צווישן די פליכטלינגע, מחמת אויף דער דאָזיקער פאַדלאָגע האָבן זיך געקענט אויסלייגן ביז 20 פאַרשוין. נאָר הארט איז געווען די פאַדלאָגע, און ניט ביי איינעם איז דער נאַכטלעגער געבליבן אין די ביינער, פּונקט ווי אַ מאַלצייט בלייבט אַ מאָל אַ לאַנגע צייט אין מאָגן. דער רב און די רביצין האָבן נעבעך געטאָן אַלץ, כדי אויסצובעטן דעם דאָזיקן געלעגער מיט וואָס זיי האָבן געקענט. אָבער קיין סך זאַכן האָבן זיי ניט געהאַט, מחמת זיי זיינען אַליין געווען פּליטים און האָבן ניט פאַרמאָגט קיין ווייכע בעט־צייג. דערפאַר האָבן זיי די פליכטלינגע אויפגענומען מיט אַ ווייך האַרץ.

דער רב דערציילט איך וויפל גדולים, רבנים און באַרימטע לייט עס זיינען איבערגעשלאָפן אויף דער פאַדלאָגע. איר זעט באַשיינפּערלעך אַז דאָס איז אַ יחוסדיקע פאַדלאָגע און עס איז ווערט, אַז מען זאָל זי באַשרייבן און פאַראייביקן אין דער געשיכטע. און אימירצעשעם, אַז מיר וועלן אויפגעריכט ווערן, וועט מען די פאַדלאָגע דאַרפן אויסרייסן און אַרויס־שטעלן אין מוזיי און יידן וועלן פאָרן צו דער „הייליקער פאַדלאָגע" ווי מען פאָרט צו דער „הייליקער וואַנט". ווייל ווער ווייס, וויפל טרערן זיינען אויך דאָ פאַרגאָסן געוואָרן, ווי ביים כותל מערבי און ווער ווייס, צי עמיצער וועט ניט שאַפן אַ נייעם שיר המעלות, מיט דעם נוסח פון „על נהרות בבל":
על הפאַדלאָגע בטולוז שם שכבנו גם בכינו — אויף דער פאַדלאָגע אין טולוז זיינען מיר געלעגן און געוויינט.

אין דעם דאָזיקן צימער האָב איך געטראָפן אַן עדה מיט ייִדן, וואָס האָבן זיך צוגעגרייט דאָרט צו איבערנעכטיקן. צווישן זיי זײַנען געווען ייִדן מכל המינים: אַ רב, אַן אַרבעטער, אַ ראש הקהל, אַ בונדיסט, אַ ציוניסט, אַ דירעקטאָר פון קרן היסוד, אַן אַדוואָקאַט, אַן אַקטיאָר, אַ זעלנער, אַ בריליאַנטן־סוחר, אַ קאָמוניסט, אַ בדחן, אאַז״וו. ייִדן פון פאַרשיידענע געגנטן, מיט פאַרשיידענע אויסשפּראַכן און ריכטונגען און פאַרשיידענע אָנטועכצן און מלבושים, אָבער אַלע האָבן זיי געטראָגן בערעטן אויפן קאָפּ. אַנשטאָט דעם צילינדער, קאַפּעליוש, קאַשקעט, שטריימל, יאַרמולקע, היטל, האָט עקזיסטירט אויסשליסלעך איין נאַציאָנאַלע פראַנצויזישע קאָפּ־אָנטועכץ — דער בערעט. ערשטנס, ווייל דאָס דערנעענטערט אַ ביסל צו דער פראַנצויזישער ראַסע און עס ווערט פאַרמינערט די אויסערלעכע אַנזע־עוודיקייט פון פרעמדן און אַ פליכטלינג — אפילו די רבנים און כלי קודש האָבן אויך זיך אויסגעפּוצט אין בערעטן. און ווען אפילו אַ באָרד און פאות שאַדט עס אויך ניט. אדרבה, אַ בערעט אויף באָרד און פאות מאַכט נאָך דעם פּנים אינטערעסאַנטער און גיט צו דעם אויסזען פון אַ פראַנצויזישן געלערנטן אָדער קינסטלער — עלעהיי אַנאַטאָל פראַנס, באַלזאַק, אַלפרעד דע מוסיע און אַנד׳.

צוגעקוקט זיך נעענטער צו די מענטשן, האָב איך דערזען, אַז דאָס זײַנען גאָרניט קיין מענטשן, נאָר יעדער איינער איז אַ באַזונדער שטיק טראַגעדיע. יעדער איינער אַ קאָנדענסירטער פּאַק צרות. יעדער איינער אַן איטערדיקע וואונד.

פאַרן שלאָפן גיין צעשמועסט מען זיך.

דער סוחר דערציילט איך, אַז ער קומט ערשט פון שפּיטאָל. זיין זון האָט אונטער אַ באָמבאַרדירונג פאַרלוירן דאָס לשון. איצט ליגט ער מיט פאַרמאַכטע אויגן און שווייגט, שווייגט זיין איין־איינציקער זון.

דער רבל איז גאָר מטושטש און צעמישט. די אויגן זיינע בלינצלען. ער רייבט די הענט און מורמלט: „די שכינה איז אין גלות״, „די שכינה איז אין גלות״. אונטערוועגנס האָט אים דאָס ווייב געגעבן צוהאַלטן דאָס זויגנדיקע קינד, ווען זי איז געפאַלען פון אַ קויל. איז ער געגאַנגען מיט דעם קינד

א מעת־לעת צייט, ביז דאָס קינד איז אויסגעגאַנגען ביי אים אויף די הענט. האָט ער עס מיט די אייגענע הענט באַגראָבן אונטער אַ בוים.

א יונגערמאַן נעמט פון זיך אַראָפּ דאָס רעקל; ער בעט מיך איך זאָל אים העלפן אַראָפּציען דעם אַרבל, אָבער פּאַרזיכטיק, מחמת ער האָט אַ פּאַרוואונדעטע האַנט. ער איז געווען אין אַ לאַגער, האָט אַ סאָל־דאַט אַריינגעשאָסן ביינאַכט אַ קויל אין באַראַק אַריין און אים געטראָפן. האָט מען אים אָפּערירט און אַרויסגענומען די קויל. ער האָט זי אין קעשענע. ער קאָן מיר זי ווייזן, אויב איך וויל.

לעבן מיר אויף דער פּאָדלאָגע ליגט דער בריליאַנטן־הענדלער פון אַנטווערפּן. אונטער אים איז אַ בלאָטע. עס רינען פון אים ריטשקעלעך וואַסער און פאַרקריכן אונטער מיר. איך פרעג אים:

— פּעטער, עס רינט דאָך פון אייך וואַסער. איר זייט נאַס.

ער דערציילט מיר:

„פיר טעג און פיר נעכט געלעגן אונטער אַ שלאַקס רעגן אויפן ברעג ים אין באַיאָן.

„נאָך 20 טויזנט מענטשן זיינען דאָרט געווען מיט ווייבער און קינדער. מען האָט געוואַרט אויף אַ שיף. אַזעלכע שטורעמס און אַזאַ פאַרפלייצעניש איז שוין לאַנג ניט געווען. עס איז געווען אַ מבול און ניט קיין רעגן. פּלוצלונג איז אָנגעקומען אַ שיף. די גרויסע כמאַרע מענטשן האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום שיף. קיינער האָט ניט געוואוסט וואוהין די שיף גייט און ווי זי הייסט. אָבער למאי נפקא מינה. אַבי אַנטלויפן, זיך ראַטעווען. דאָס שטופּעניש צום שיף איז געווען הימל שרייענדיק. מען האָט געקעמפט מיט סכנות נפשות. די געשרייען זיינען געגאַנגען עד לב השמים. איך בין שוין געווען ביים טיר. זיינען אָנגעקומען סאָלדאַטן און מאַטראָסן און גענומען שטופּן דעם המון צוריק. סאָלדאַטן האָבן געשלאָגן מיט די קאָל־בעס. אַ סך מענטשן זיינען אַריינגעפאַלן אין וואַסער. פון די אַריינגע־פאַלענע אין וואַסער בין איך אויך געווען. מען האָט מיך אַרויסגעשלעפּט. איך בין אַוועק קיין טולוז. ניט באַוויזן זיך אויסצוטריקענען. גיסט פון

מיר דאָס וואַסער ווי פון אַ רינע. האָט ניט קיין פּאַראַיבל, איך וועל מיך פון איך אַ ביסל אָפּרוקן".

אַט אַזוי האָט מען זיך דערציילט אַנגעגעסענע מעשיות, ביז די שמועסן האָבן זיך אויסגעלאָשן. די פרומע האָבן געלייענט „קריאת שמע". מען איז ביסלעכווייז איינגעשלאָפן. עס איז אָבער געווען אַן אומרואיקער שלאָף. עמיץ האָט געוויינט פון שלאָף. עמיץ האָט געלאַכט.

דער רבל האָט געמורמלט „די שכינה איז אין גלות". דער יונגערמאַן פון לאַגער פלעגט זיך אויפכאַפּן מיט אַ פאַרשטיקטן געשריי: „איך וויל ניט גיין אין לאַגער! איך וויל ניט גיין אין לאַגער" און דער בדחן — אים האָט ניט גענומען קיין שלאָף. ער איז געווען זייער אויפגעלייגט. ער האָט דעקלאַמירט:

טולוז איז אַ שטאָט מיט גרויסע בערעטן,
מיט שלעכטע קלאָזעטן,
מיט ברייטע בעטן,
מיט אַלטע אוניווערזיטעטן,
מיט ליבע און גלעטן,
מיט טעט־אַ־טעטן
און אַנדערע חסאָן.
איך קען זיך מיט איך וועטן...

און עמיצער האָט אַזוי אומהיימלעך ווי אַן עכאָ אים אָפּגעענטפערט מיט אַ געלעכטער:

— כי, כי, כי...

אַ פּאַסקודנע נאַכט.

עלנט

גרויער, אָפּגעבליאַקעוועטער חשוונדיקער פרימאָרגן. איך ליג אויף מיין אַנגעשוואָלענער בעטל אין מיין פינצטערן האָטעל־צימער, אין דער פרעמדער שטאָט טולוז, קוק אַרויף צו די אומעטיקע בלימלעך פון די מרה־שחורהדיקע טאַפּעטן. איך קוק צום נאַסן פלעק אין ווינקל אונטערן סופיט, — אַן אויסטערליש צעגאָסענער פלעק, ווי אַ פלעדערמויז, צעמאָלט מיט וואַסער־פאַרב פון די זיד־פראַנצויזישע האַרבסט־רעגנס.

איך טראָג איבער מיין בליק צו דער טיר. אַ גרויסע נאַרישע טיר וואָס קיינער קלאַפּט נישט אין איר.

נישט נעכטן, נישט היינט האָט קיינער ניט געקלאַפּט אין איר, און נישט מאָרגן, נישט איבערמאָרגן וועט עמיץ קלאַפּן אין איר.

איך האָב רחמנות אויף דער טיר און פאַרענטפער זיך.

— האָב נישט קיין פאַראיבל אויף מיר. איך האָב דאָ קיינעם נישט און קיינער האָט מיר נישט. איך וואָלט אויך וועלן עמיצער זאָל אין מיר אַנקלאַפּן אַזוי פאַרזיכטיק צערטלעך אין דערוואַרטונג.

איך האָב דאָ קיינעם נישט, וואָס זאָל מיך אָנרופןביים נאָמען, וואָס זאָל זיך מיט מיר שפּאַרן, קרימען, ברוגזן, וואָס זאָל מיר אַ גוט וואָרט זאָגן, אָדער זאָל מיר אפילו באַליידיקן.

איך האָב דאָ קיינעם נישט צו וועמען איך זאָל קענען זאָגן „דו“.

צי ווייסטו, וואָס דאָס איז?

נישט האָבן קיינעם צו וועמען זאָגן „דו“.

דו, מיין טיר, ביסט די איינציקע מיט וועמען איך קאָן זיך „דוצן“.

און איך טראַכט: אַ טייערע טעמע פאַר אַ נאָוועלע, ווי איינער אַן עלנטער רעדט זיך דורך מיט זיין טיר.

איך האָב עס געקענט אויפשרייבן, נאָר ווער דאַרף עס?

איך שטופּ אַריין מיינע פיס אין אַ פּאָר אָפּגעריבענע הויזן און אין די צעפּאַטלטע שטעק־שיך און שלעפּ זיך אַרויס אין קאָרידאָר.

דאָרט הענגט אַ פּאָסט־קעסטל. איך קוק אַריין — נישטאָ קיין בריוו. איך לאָז אַריין מיין האַנט אינעווייניק. נישטער, גראַבל — נישטאָ גאָרנישט. דאָס קעסטל איז וויסט און לער און פינצטער ווי די וועלט פאַרן וועלט־באַשאַף. איך נעם אַרויס מיין אַנטוישטע האַנט ליידיק, ווי איך האָב זי אַריינגעלייגט.

קיינער שרייבט נישט צו מיר. קיינער דאַרף מיך נישט. און מיינע נאָענטע זיינען וויט, וויט...

פאַרדאָן. עפּעס האָב איך יאָ אַרויסגעשלעפּט, צוויי רעקלאַמע־פּאַפּיר־לעך: איינס, אַ שמירעכץ צו זומערשפּרינגלעך און אַ צווייטס אַ קלעפּעכץ צו היינעראויגן.

איך וויקל מיך איין אין אַלטן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, רוק אַרויף מיין צעקניטשטן קאַפּעליוש, און לאָז מיך גיין.

איך כאַפּ אַ קוק אויף מיין וואַנט־זייגער: ווי שפּעט עס איז? למאי נפקא מינה? איך כאַפּ אַ קוק אויף מיין וואַנט־קאַלענדאַר: וועלכער דאַטום עס גייט? — למאי נפקא מינה? איך גיי אַרויס אין כמורנעם דרויסן. וואוהין? — און וויס נישט. נישטאָ וואוהין אַריינצוגיין, נישטאָ וואוהין זיך איילן.

איך דערמאָן מיך אָן אַ רוסישן ראָמאַנס.

„פורמאַן, נישט טרייב די פערד, איך האָב שוין נישט וואו זיך צו איילן".

אין דרויסן טריפט אַ דריבנער רעגן. טריפט ווי דורך אַ זיפּ. געשטאַלטן באַוועגן זיך אין נעפּל. אָט גייט אַ הויכער פּאַרשוין, איך קען אים נישט. און נאָך אַ מאַן — איך קען אים אויך נישט. און נאָך עפּעס אַ דאַמע מיט אַ הינטל און קען זייביידן נישט. אַ קריפּל אויף אַ וועגעלע, אַ הויקער, אַ זעלנער, אַ פּאָליציאַנט, אַ גלח, — קיין איינער שטעלט מיך נישט אָפּ,

קיין איינער שמייכלט נישט צו מיר, קיין איינער פרעגט נישט וועגן מיין געזונט, וואָס הערט זיך מיט מיין רעוומאַטיזם.

פרעמדע ווייטע פנימער. איך קאָן זיך מיט איך וועטן אַז קיין איינער וועט אפילו ניט גיין צו מיין לוויה.

אַ בענדל פון שוך האָט זיך ביי מיר אָפּגעבונדן, און בלאָנקעט זיך נאָך מיין פוס אַ נאַסער, ווי אַ גאַסן הינטל.

מילא, זאָל ער זיך נאָכשלעפּן. למאי נפקא מינה?

איך גיי צוריק פונעם אומעטיקן דרויסן אין מיין אומעטיקן היים אַריין. איך שטופּ שוין ווידער דעם שליסל אין שליסל־לאָך. צום וויפלטן מאָל? דעם זעלבן שליסל אין דעם זעלבן שליסל־לאָך.

איך קום אַריין אין צימער, קיינער איז נישט געוועזן. אין טיר שטעקט נישט קיין קוויטל, קיין וויזיט־קאַרטע. אויפן טיש ליגט אויך גאָרנישט; אפילו קיין בלומען האָט מיר קיינער נישט געבראַכט. נישט קיין בריוו און ניט קיין איינלאַדונג. קיינער דאַרף מיך נישט, קיינער האָט צו מיר קיין עסק נישט.

איך ליג שוין ווידער אויף מיין בעטל. קוק צום נאַסן פלעדערמויז־פלעק אונטערן סופיט.

אויפן שטול הענגט מיין עלנט רעקל מיט די אויסגעריבענע עלנבויגנס. עס פעלט אַ קנעפּל. איך האָב נישט ווער ס׳זאָל מיר אַ קנעפּל איינניייען. איך האָב נישט קיין נאָדל, נישט קיין באַוול, ניט קיין שוואַרצע און אפילו נישט קיין ווייסע און סתם פון קיין שום קאָליר נישט. און קיין קנעפּל האָב איך אויך נישט. איך האָב גאָרנישט.

איך האָב נאָר צייט. אַ סך צייט. שיטערע צייט, לאַנגע טעג אפילו אום ווינטער און לאַנגע נעכט אפילו אום זומער. לאַנגע פאַרנאַכטן און לאַנגע פרימאָרגנס. איך באַמבל זיך אין צייט ווי אַ דאַר קינד אין דעם טאַטנס לויזער קאַפּאָטע. וואָס טוט מען מיט אַזוי פיל צייט? מיט וואָס זאָל איך זי אויספילן? איך צעלייג מיין אַרבעט אויף אַ וואָך צייט. שפּאָ־רעוודיק לאַנגזאַם, ווי מען צעלייגט אַ קאַרגע אָרעמע סעודה אויף אַ סך

גרויסע טעלער. היינט וועל איך זיך אַרומראַזירן. מאָרגן וועל איך אָפּ־טראָגן מיינע וועש אין דער וועשעריי. איבערמאָרגן וועל איך אויפזוכן אַ נאָדל, איבער־איבערמאָרגן — אַ שטיקל באַוול, איבער־איבער־איבערמאָרגן — אַ קנעפּל. און אין דער קינפטיקער וואָך וועל איך דעם קנעפּל איינניייען.

און עס וועט מיר נאָך איבערבלייבן אַ היפּשע רעשט ביסל צייט.

וואָס טוט מען מיט אַזוי פיל צייט?

איך בין שוין ווידער אין חשכותדיקן דרויסן. ס'איז נאַס און עס טונקלט שוין. די שטאָט־פייערן צינדן זיך אָן און טוקן זיך אין געדיכטן נעפּל.

איך בלייב שטיין אויפן עק גאַס. רעכטס ציט זיך אַ ברייטע גאַס. איך האָב דאָרט קיינעם נישט, און נאָך אַ בולוואַר אַ סקווער — איך האָב דאָרט אויך קיינעם נישט. איך האָב אין ערגעץ נישט וואוהין אַריינצוגיין.

„יאָ. איך האָב אין ערגעץ נישט וואוהין אַריינצוגיין. צי ווייסטו, מיין פריינט, וואָס דאָס איז? נישטאָ שוין מער וואוהין אַריינצוגיין"?

ווער האָט דאָס געזאָגט? דאַכט זיך, אַן עלנטער מענטש ערגעץ ביי דאָסטאָיעווסקין.

צום טייוול! עפּעס קריכן מיר היינט טרויעריקע לידער אין קאָפּ אַריין.

פון וויטן טונקלט זיך אין נעפּל דער שטאָטישער בריק איבערן באַן־טונעל. איך לאָז מיך צום בריק. אויפן וועג שטייט אַן אַלטיטשקער און פּאַרקויפט שוועבעלעך. ער האַלט אויסגעשטרעקט זיין פאַרזשאַווערטע האַנט און בעטלט.

אָט אַזוי וועל איך מסתמא שטיין און אויך פאַרקויפן שוועבעלעך. און פאַרוואָס נישט? וואָס איז מיט מיר דער יחוס! אָט אַזוי וועל איך שטיין מיט אַן אויסגעשטרעקטע האַנט און בעטלען. און מענטשן וועלן פאַרבייגיין. פרעמדע, ווייטע, גלייכגילטיקע...

איך גיי אַרויף אויפן בריק. שפּאַר זיך אָן אויפן פּאַרענטש, און קוק אַרונטער. אונטן ליגן די באַן שינעס, אַ צוג טראָגט זיך פון וויטן. זיין

רויך־טשופּרינע שויבערט אין דער לופט. צווי ליכטיקע אויגן שטופּן זיך אין נעפּל אַריין. עס ווילט זיך אַראָפּשפּרינגען. אין פאַרוואָס נישט ?... אַ שפּרונג — און פאַרטיק... אַ רגע — און איך בין שוין נישטאָ... טויט, אַ מחיה... און מיר איז אַזוי גוט... נאָכן טויט וועל איך מיר אַרומגיין און זאָגן : מיר איז גוט, איך בין אַ טויטער. איך לאָך פון דער וועלט... מיר איז גוט מיר איז וואויל. איך בין אַ טויטער... איך בין שוין נישט עלנט, איך בין...

עס, איך פּלוידער שוין.

איך נורע מיך אײַן אין מײַן נאָסן פּאַלטן, שטעל אָן דעם קאָלנער און גיי צוריק. דער נאַסער בענדל בלאָנקעט זיך נאָך אַלץ נאָך מײַן פוס.

איך בין שוין ווידער ביי מײַן טיר. איך דריי שוין ווידער דעם זעלבן שליסל אין זעלבן שליסל־לאָך. צום וויפלטן מאָל ? איך בין שוין ווידער אין מײַן צימער. איך ליג שוין ווידער אויף מײַן נישט אויסגעבעט בעטל. איך בין מיד פון מידקייט. אין האַרצן טראָג איך אַ ים מיט ליידיקייט. און די אויגן קלעפּן זיך מיר. — — —

אָט זיץ איך אין אַ קאַפע אין וואַרשע. איך זיץ מיט פריינט, מיר שמועסן. מײַן פאַמיליע איז אויך דאָ. זיי רעדן צו מיר און שמייכלען. נאָר פאַרוואָס שמייכלען זיי צו מיר מיט סקעלעטן־ציין ? און פאַרוואָס שטייען זיי מײַנע פריינט מיט אויפגעהויבענע דאַרע קנאָכיקע הענט קעגן בלינדע ביקסן־לעכער ?.. עס שווידערט־אויף אַ געלעכטער מיט אַ קנאַל...

**
*

אַ רויטער פרימאָרגן קוקט אַריין דורך דעם אָפענעם דאַך און צעלע־כערטע ווענט... איך ליג מיט אָפענע אויגן... אין דרויסן שאַריעט זיך אויף טאָג. ווידער טעג פון עלנט, ווידער נעכט פון קאָשמאַרן.

אָבלאַוועס

פון אַלע עקן פראַנקרייך האָבן זיך גענומען טראָגן בייזע בשורות און אומרואיקע קלאַנגען וועגן נייע געזעצן פאַר אויסלענדער (לייען יידן), באַגרענעצונגען פאַר ניט געווינטשטע בירגער (לייען יידן) און מאָס־מיטלען קעגן פליכטלינגע און פרעמדע (לייען ווייטער יידן).

מען האָט אונטערגעכאַפּט טויבע קלאַנגען וועגן מעגליכע אַרויסשיקונגען, אַרעסטן און „לאַגערן".

עס האָט געהייסן, אַז דאָס זיינען נייע, ליכטיק־פרידלעכע פּונקטן אין די שלום־אונטערהאַנדלונגען צווישן דייטשלאַנד און פראַנקרייך, בשעת דער פראַנצויזישער קאַפּיטולאַציע. און דעמאָקראַטישע מאַריאַנע, מיט איר קולטור־ און פרייהייט־טראַדיציעס, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גוטער שילערין.

עס איז אָנגעגאַנגען אַן עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכער אויסטויש פון סחורות צווישןביידע לענדער. האָט דער דייטש צוגענומען אַ הונדערט טויזנט קערצלעך קאַרטאָפל, האָט ער דערפאַר געגעבן אַ נייעם אויסראָטונגס־געזעץ פאַר יידן; האָט ער צוגענומען אַ פאַר טויזנט קי, האָט ער אַריינגעשיקט אַ הונדערט פעסלעך יידן־האַס; האָט ער אַוועקגענומען אַ מיליאָן פוד ברויט, האָט ער דערפאַר אַריינגעשיקט אַ האַלבן טוץ שפּאָגל נייע נירענבערגער געזעצן... וואָס אָנבאַלאַנגט אַנדערע פראַנצויזישע סחורות און אויסאַרבע־טונגען, ווי פרייהייט, גלייכהייט און ברידעלעכקייט — אַזעלכע סחורות זיינען אָנערקענט געוואָרן פאַר טאַנדעט, ברוך, וואָס טויג אויף שמעלץ. ס׳איז גאָר קיין סחורה ניט. אַזוי אַרום איז פראַנקרייך געוואָרן אויסגעליידיקט פונעם נידעריקן גראָבן פּראָדוקט, וואָס הייסט עסן און באַקומען אַ נייע גייסטיקע שפּייז — אַנטיסעמיטיזם. מיר וועלן עסן ברויט און דו — יידן.

דער פראַנצויזישער שותף איז אפילו געבליבן ניט שטאַרק צופרידן פון דעם בייט. דאָן האָט דער פריינטלעכער דייטש־שותף געוואָלט צולייגן

אַ צוגאָב: עטלעכע פּאָגראָמען, אַ פּאָר שחיטות, אָבער פראַנקרייך איז אויף דעם ניט איינגעגאַנגען. על כל פּנים פראַנקרייך איז ניט רומעניע, און די פראַנצויזן זיינען פּאָרט ניט קיין באַשיבוזוקעס.

איין סאָרט סחורה האָט זיך אין פראַנקרייך יאָ אָנגענומען: נאַצי פּרעסע און „שטירמער" בלבולים.

אַזוי האָט מען אין דער קרימינאַל־אָפּטיילונג פון דער פּרעסע אָנגעהויבן לייענען פאַרשיידענע ידיעות: „אין מאָנפּעליע האָט מען געכאַפּט אַ דייטשן פליכטלינג, וועמען עס איז פאַרבאָטן צו אַרבעטן, ווי ער האָט זיך אַליין איינגע־נייט אַ הויזן־קנעפּל אין די הויזן; „געכאַפּט אַ יידישן סוחר אין מאַרסעל מיט אַ פּעקל שוועבעלעך, וואָס ער האָט געשמוגלט אין זיין פּאַטאַיענעם וועסטל־טאַש"; „אַרעסטירט אַ באַנדע יידישע קאָנטראַבאַנדיסטן אין באָרדאָ מיט 5 שטיקלעך צוקער און אַ פּעקל צוקאָריע"; געכאַפּט אַ יידן וואָס האָט גע־האַנדלט מיט גאָלד און וואַלוטע — ער האָט געפּראַוועט אַ גאָלדענע חתונה...

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גיהנום.

האָט מען גענומען איינפירן פאַראָרדענונגען, כדי איינצופירן אָרדענונג.

קודם כל זיינען אַרויסגעזעצט און אַרעסטירט געוואָרן אַלע מער־וויניקער ליבעראַלע באַאַמטע און עס זיינען אַרויפגעזעצט געוואָרן רשעים און סאַדיסטן און סתם אַזעלכע, וואָס האָבן זיך מתודה געווען אויף זייערע אַלטע גוטע מעשים און זיינען געוואָרן ערלעכע שונאי ישראל. אין די צייטונגען און אויף די ראָגן פון אַלע גאַסן האָבן זיך גענומען באַווייזן פאַרשיידנאַרטיקע באַפעלן און דינים: „אויסלענדער טאָרן ניט אַרומפאָרן", „אויסלענדער טאָרן ניט זיצן אויף איין אָרט", „פרעמדע טאָרן ניט זיצן אויף די ערטער", פליכטלינגע טאָרן ניט בעטן קיין שטיצע", „יידן מוזן פאָרן קיין אויסלאַנד", „יידן טאָרן ניט וואוינען אין די גרויסע שטעט", „יידן טאָרן ניט וואוינען אין די קליינע שטעט", „יידן מעגן רייזן נאָר מיט אַ רייזע־ערלויבניש", „יידן טאָרן ניט האָבן ביי זיך קיין וואַליוטע", „אַלע פליכטלינגע וואָס האָבן גענומען שטיצע פון דער רעגירונג מוזן גיין אין לאַגער אַריין", „די וואָס האָבן קיין שטיצע ניט גענומען מוזן אויך גיין אין לאַגער אַריין", „יידן וואָס זיינען אַלט ביז 50 יאָר דאַרפן גיין אין לאַגער אַריין", „יידן עלטער פון 50 יאָר

גייען אויך אין לאַגער אַריין", „פרויען גייען ניט אין לאַגער אַריין", „פרויען גייען אויך אין לאַגער אַריין", „קינדער אויך", „אַלע גייען אין לאַגער אַריין".

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה אַבלאַוועס.

אַבלאַוועס אויף מענטשן. יאַגד אויף פליכטלינגע — דאָס וועט זיכער פאַרבלייבן אַ הערלעך בלעטל אין דער געשיכטע פון פראַנקרייך. אַוודאי איז יאַגד אַ שיינע זאַך. מען מאָלט עס אויף גרויסאַרטיקע בילדער. יעגער, יאַגד־הינט, פריצים אויף פערד אין וואונדער־שיינעם טראַכט. קאַפּעליושן מיט פעדערן, סיגנאַל האָרנס, ביקסן — עס פאַרנעמט אַן אויג. אָבער אַזעלכע שיינע מענטשן־יאַגד בילדער ווי עס זיינען פאַרגעקומען אין פראַנקרייך (און דאַכט זיך, אַז זיי קומען נאָך פאַר היינט אויך) — אַזעלכע בילדער איז ווייט צו זוכן. דאָ איז עס געמאַכט געוואָרן מיט פיל עספּרי און שיין־גייסט ווי עס פּאַסט פאַר אַ הויך קולטור־פאָלק.

האָט איר געזען אַמאָל אַ גערעג נאָך הינט אויף די גרויסע גאַסן פון אַ באַלעבטער שטאָט? האָט איר געזען די מחנות היצלען, וואָס כאַפּן די הינט און פּאַקן זיי אין די קעסטלעך און שטייג־וועגלעך, זאָג איך אייך, אַז אַ הונט־אַבלאַווע איז אַ הונט קעגן די מענטשן אַבלאַוועס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די גאַסן פון די שטעט פון גאַראָן־דעפּאַרטמענט אין פראַנקרייך — אַ גראַנדיעזע פאַרשטעלונג אונטערן פרייען הימל. מען האָט געכאַפּט אַלעמען: אַלטע, יונגע, ווייבער און קינדער; מען האָט געכאַפּט קראַנקע, קריפּלס, בעטלער, דעמאָביליזירטע פאַרוואונדעטע זעלנער, וואָס האָבן זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון די פראַנצויזישע שלאַכט־פעלדער, מענטשן קראַנקע, נאָר וואָס אויסגעשריבענע פון די שפּיטאָלן; מען האָט געכאַפּט פון די גאַסן, פון די קאַפעען, פון די טראַמווייען, פון די הייזער, געשלעפּט פון די בעטן. אַ וועלט איז משוגע געוואָרן. די אומגליקלעכע געיאָגטע האָבן זיך געטראָגן און געלאָפן ווי פאַרסמטע. ווייבער האָבן ספּאַזמירט, קינדער האָבן געשריען, די אויטאָס האָבן געטראָמבעט, די טראַמווייען האָבן געקלונגען, די כאַפּערס, מלאכי חבלה, האָבן נאָכגעיאָגט, זיך געהאַלדזט און אַרומגעכאַפּט מיט צעטומלטע אַנטלויפער, געפּאַקט זיי אין פאַרמאַכטע

אויטאָ־וועגענער מיט אײַזערנע גראַטעס און זיך געטראָגן צו די אָפענע שליאַכן, וואָס פירן פון שטאָט אַרויס צו דעם אומבאַוואוסטן ערגעץ־וואו.

איך בין דאַמאָלס מיט מײַנעם אַ קאָלעגע, דעם יידישן זשורנאַליסט וועווויאַרקע פון פּאַריז, געזעסן אין אַ קאַפע אויפן מאַרק־פּלאַץ און געשפּילט אין שאַך. די בהלה האָט זיך גענומען דערנענטערן צו אונדז. די יידישע געסט האָבן גענומען לויפן. אַ שאַד. איך בין געשטאַנען זייער גוט אויפן שאַך־ברעט. איך האָב שוין געהאַלטן ביים געבן מײַן פּאַרטנער דעם אמתן מאַט, און דאָ — דאַרף מען לויפן. די פראַגע איז, וואו אַנטרינט מען?

איך מיט מײַן קאָלעגע זײַנען אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס און נאָך איידער מיר האָבן באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, זײַנען מיר געוואָרן אַרומגערינגלט פון אַ כאַפּטע „כאַפּער", וועלכע האָבן זיך מיט אונדז באַגעגנט מיט דער גדולה פון אַלטע גוטע פרײַנט, וואָס האָבן זיך ניט געזען שוין אַ לאַנגע צײַט. געפאַלן אונדז אויף די העלדזער, געאַרעמט אונדז ביי די אָרעמס, געקראַכן אונדז אין די הויזן־קעשענעס, געטרייסלט די בוזעם־טאַשן, גערעדט צו אונדז פראַנצויזיש און אין אַ גוטן דייטש . . . אויסגעפרעגט אונדז: „ווער מיר זײַנען", „פון וואַנען קומען יידן" און „וואָס מיר מאַכן" און אַרײַנגעוואָרפן אונדז מיט גרויס פרײַנטשאַפט אין אויטאָ־וואַגאָן אַרײַן. איינער פון די כאַפּער האָט געגעבן אַ פײַף, דער וואָגן האָט געגעבן אַ ריטשע, ווי אַ חיה, און זיך גענומען טראָגן איבער די בהלהדיקע גאַסן פון שטאָט אַרויס.

אַז איך האָב מיר אַרומגעקוקט אין וואָגן, האָב איך דערזען אַז עס איז שווער עפּעס צו זען, מחמת איך בין געווען אַרײַנגעפּאַקט אין אַ געדיכטן קנויל פון געפּאַנגענע מענטשן, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געטאָן בשלמות אַ באַזונדער אַרבעט. איינער, אַ עלטערער ייד מיט אַ גרוי בערדל, האָט ניט געפונען קיין אַנדער אַרבעט, ווי צו קלאַפּן קאָפּ אין וואַנט. באשר אין טומל האָט ער פאַרלוירן אַ קראַנק יינגל, מיט וועלכן ער איז געגאַנגען צום דאָקטאָר. אַ פרוי מיט ברענענדיקע אײַנגעפאַלענע באַקן און גרינע ליפּן האָט געריסן זיך די צעפלאָשעטע האָר און געשריען ניט מיט מענטשלעכע קולות, באשר זי האָט איבערגעלאָזט אין דער היים פיר קליינע קינדער און אַ ברענענדיקע ספּיריטוס־מאַשינקע, אויף וועלכער זי האָט צוגעשטעלט

אויפזידן אַ ביסל מילך. זי איז אַראָפּגעגאַנגען קויפן פאַר די קינדער אַ שטיקל ברויט, האָט מען זי געכאַפּט און אַריינגעוואָרפן אַהער אין דעם וואָגן־תפיסה. נאָך איינער אַ יונגערמאַן האָט געפירט אַ פאַרביטערטן רינג־קאַמף מיט דעם שומר וואָס שטייט ביי דער פאַרריגלטער טיר פון וואָגן, באשר ער וויל, אַז מען זאָל אים אויפזוכן דעם כאַפּער אַגענט, וואָס האָט ביי אים אין טומל צוגענומען זיינע פאַפּירן מיט דעם ביסל געלט פון קעשענע, און איז נעלם געוואָרן.

צוגעשפאַרט אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ שיין יונג מיידל און האָט שטיל געוויינט. זי האָט איבערגעלאָזט אין דער היים אַ בלינדע מוטער. מיין קאָלעגע דער שרייבער האָט שוין גאָרניט געהאַט קיין מראה פון קיין פּנים. אויפן אָרט פון פּנים איז געווען אַ פלאַטשיקע מאַסקע פון גרינעם קאַליר און פאַרברענטע ליפּן. ער האָט צו מיר געמורמלט הייזעריק:

— איך מיין, אַז אונדזער האַראַנטשיק האָט גאָרניט קרום געטאָן (האַראַנ־טשיק איז אַ יונגער שרייבער אין פוילן, וואָס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין די ערשטע טעג פון מלחמה).

איך בין געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער, זיך צוגעקוקט צו דער וואַקכאַנאַליע פון צער און אומגליק און געטראַכט זייער טרויעריקע רעיונות. אַ נס, וואָס איינער אַ יידל האָט זיך צו מיר צוגערוקט און געזאָגט מיט אַ פּוילישן דיאַלעקט:

— ווי געפעלט איך, פּאַניע טונקעלער? אַ שיין לייט געוואָרן פון פראַנקרייך. איר וועט שוין האָבן מאַטעריאַל צו שרייבן, וואָס? אַ שאָד, וואָס איר האָט ניט איצט קיין צייטונג. ווען איר האָט דעם „מאָמענט", וואָלט איר זיי גוט באַשריבן. אַי, וואָלט איר זיי אַריינגעצימבלט! איר וואָלט זיי געזאָגט אייער וואָרט...

דאַכט זיך אַ קליין זויער שמייכעלע האָט זיך ביי מיר פאַרגנבעט אויף מיין לינקן מוילווינקל. און עס איז מיר געוואָרן לייכטער אויף מיין פאַר־יאושטן געמיט.

דער אויטאָ־שטייג האָט אונדז געבראַכט צו דעם ערשטן לאַגער מיטן נאָמען קלערפאָן, 8 קילאָמעטער פון טולוז.

לאַגער

דער לאַגער, אין וועלכן מען האָט אונדז געבראַכט, איז נאָך אייגנטלעך ניט געווען קיין אמתער לאַגער. דאָס איז געווען אַן ערב־לאַגער, דער ערשטער אויפנאַמס־פּונקט און האָט זיך גערופן מיטן אידעלן נאָמען „סענטער ד׳ אַקעי״, וואָס איז דער טייטש : „הכנסת־אורחים־לאַגער״. דאָ באַגעגנט מען אונדז מיט דעם ערשטן ברוך־הבא. פון דאַנען ערשט וועט מען אונדז פאַנאַנדערשיקן אין די אמתע לאַגערן.

דער פּאָליציי־שעף, וועלכער האָט אונדז רעגיסטרירט, איז לחלוטין נישט געווען קיין בלוט־אָרעמער פּאַרשוין. אַן אָנגעשוואָלן רויט פּנים מיט אַ גלאַנץ, מיט אַ דיקן קאַרק, אָנגעגאָסן מיט בלוט און האָט אינגאַנצן אויסגעזען ווי אַ קיילעכדיקע פלאַש מיט בוריקעס־ראָסל. אַז ער איז צוגעקומען צו דעם אָרט אין מיין פּאַספּאָרט, וואו עס שטייט געשריבן, אַז איך בין אַ זשורנאַליסט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אַרויפגעלייגט אַ פּאָר גרויסע רויטע הענט אויף די באַקעס און זיך צושריגן מיט אַ קול, וואָס איז געווען אַ געמיש פון אַ דונערדיקן באַס, צוזאַמען מיט אַ דיק־שפּיציקן קוויטש.

— נישט אויסצוראַטן איך. איר האָט זיך צעפּלאַדיעט ביי אונדז ווי קאַקאַרוטשעס ! מיר דאַרפן נישט האָבן קיין זשורנאַליסטן דאָ ! די לופט איז דאָ שוין אַזוי אויך פאַרפּעסטעט ! ווי די מיז וועלן מיר אייך אויסראַטן ! אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן וועט איר ביי אונדז פאַרפוילט ווערן !

מיין האַרץ איז ערגעץ אַריינגעפאַלן, איך ווייס נישט וואו.

ער האָט מיך איבערגעגעבן צו אַ צווייטן באַאַמטן.

דער צווייטער באַאַמטער האָט גענומען די פעדער, זיך איינגעגנורעט אין פּאַפּיר און געמורמלט פון פּאַפּיר אַרויס שטילערהייט איך זאָל הערן:

— אויב איר מיינט, אַז די גאַנצע געשיכטע איז אונדז אָנגענעם, האָט איר אַ טעות. עס קאָסט אונדז געגונג געזונט. נאָר מיר האָבן קיין ברירה נישט. תלינים מאַכט מען פון אונדז...

איז מיר געוואָרן אַ ביסל לייכטער. ס'האַרץ איז ווידער געקומען אויפן אָרט.

דער דריטער באַאַמטער, אַ דאַרער, אַ בלאָנדער, מיט אַ זומערשפּרינקל־דיקן פּנים און דינע געשניצטע וואָנסעלעך — האָט מיר דערלאַנגט אַ קאָלדרע, אַרויסגעגעבן אַ נומער פון באַראַק, באַשטימט אַ נאַרע צום שלאָפן און געזאָגט:

— דאָ וועט איר בלייבן. איר טאָרט זיך פון דאַנען נישט רירן, פון דאַנען וועט מען אייך טראַנספּערירן אין אַן אַנדער לאַגער. אַ פרעמדער טאָר זיך נישט אַרומשלאָנדערן אויף דער פריי. פּיאָווקעס אויף אונדזער קאָפּ, מיר האָבן אייך צו לאַנג געדולדעט!

ס'האַרץ איז מיר ווידער איינגעפאַלן.

***

און דאָ קומט אַ קאַפּיטל פון מיינע העלדישקייטן און גבורות, וואָס מען מעג דאָ באַשרייבן. אַזעלכע העלדישקייטן באַגעגנט מען בלויז אין העכסט־אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, אָדער אין די פאַנטאַסטיש עקזאָטישע פילמס. אַז איר וועט הערן, ווען איר אַליין צוגעבן, אַז ראָנאַלדאָ ראָנאַלדיני אָדער גערשוני אָדער דער שפּאַנישער העלד זאָראָ לאַפּאָראָ איז אַנטקעגן מיר אַ שלומיאל און אַ לעמעשקע.

נאָך דער רעגיסטראַציע קומט צו מיר אַ יונגער זשאַנדאַרם מיט אַ בער־דעלע ווי אַ שוואַרץ בענדל אַרום דער גאָמבע, און רוימט מיר איין אויפן אויער מיט אַ פאַרזשמורעט אויגל:

— איר קאָנט אַרויסגיין אַביסל אין דרויסן, כאַפּן אַ שפּאַציר. דאָרט הינטערן טויער ציט זיך דער גרויסער וועג. און ווייטער — ווייסט וואָס איר האָט צו טאָן...

האָב איך איינגעשטעלט דאָס לעבן און בין אַרויס אין דרויסן, געשפּאַצירט צווישן די באַראַקן, באַטראַכט מיין נייע איינקומעניש און מיינע מיט־איינוואוינער פון לאַגער.

בין איך מיר געגאַנגען אַזוי מיט אַ שבת־נאָך־מיטאָג־גענגל, אַ מנוחה־דיקס, פאַרלייגט די הענט אויף הינטן, ווי אַ מיושבדיקער בעל־הבית, וואָס באַטראַכט זיינע גיטער.

איך גיי און איך טראַכט און עס וואונדערט מיך: אַ האַלבן טאָג אַז מען האַלט אין ברענגען אַהער גאַנצע אויטאָבוסן מיט געכאַפּטע מענטשן און די מחנה וואַקסט נישט. עפּעס ווערט זי צעקראָכן און איינגעטייעט ווי שניי אין פרילינג. בין איך חושד, אַז דער עולם גליטשט זיך אַרויס און מען מאַכט אַ שטילן ויברח. מיין קאָלעגע, דער שרייבער, איז מיר אויך אונטערן האַנט פאַרשוואונדן געוואָרן. איז מיר קשה.

און אַזוי, גייענדיק און טראַכטנדיק, שאַר איך מיך צו צום טויער.

דער טויער איז נאָסטעזש אָפן. ביים טויער שטייען דריי וועכטער — סאָלדאַטן. זיי דערזעען מיך, דרייען זיך אויס צו מיר מיט די רוקנס און מיט די פּנימער איינער צום אַנדערן, ווי אַ סגל, ווי זיי וואָלט פירן אַ וויכטיקן שמועס. איך זע באַשיינפּערלעך, ווי זיי מיען זיך, אַז איך זאָל זען, אַז זיי זעען מיך נישט.

שטיי איך הינטער זיי און טראַכט ווי האַמלעט: גיין אָדער נישט גיין? נעמט איינער פון די סאָלדאַטן און הייבט אָן צו ווינקען צו מיר מיט אַ פינגער פון הינטן, ווינקט אין דער ריכטונג צום טויער, ווי איינער רעדט: „וואָס שטייסטו, למך איינער, נעם און גיי".

נעם איך און גיב אַ הוסטל, מאַכט מען זיך אַז מען הערט נישט. נעם איך זיך אָן מיט מוט און לאָז זיך דורכן טויער. רייסט זיך אָפּ איין סאָלדאַט פון דער קופּקע און לויפט מיר נאָך, בלייב איך אַ טויטער. ערשט ער דערלאַנגט מיר אַ שטיק ברויט מיט קעז און ער זאָגט מיר אין דער שטיל:

—דאָ ציט זיך אַ ברייטער וועג וואָס פירט פון איין זייט קיין מורעס און פון דער צווייטער זייט קיין טולוז ... אַ רעוואואַר...

גלות

ווער איך שוין אַ גרויסער העלד און לאָז זיך פּאַמעלעך אַרויס צום ברייטן שיינעם געפּלאַסטערטן וועג. איך גיי רואיק, געלאַסן. עלעהיי עס גייט זיך אַ מענטש און שפּאַצירט זיך, חלילה, אָן זייטיקע כוונות. לויפן? חלילה, וואָס בין איך אַ דעזערטיר? אַז מען וועט מיר כאַפּן און הייסן גיין צוריק וועל איך מיר גיין צוריק אין לאַגער אַריין, אָבער אַלץ לאַיאַל, כשר...

קומען מיר אַן אַנטקעגן צוויי יידן, איינער אַן עלטערער, דער צווייטער אַ ייִנגערער, זעען אויס ווי בעלי מלאכות, נאָר אין דער אמת איז גאָר איינער אַ שניידער און דער צווייטער אַ שוסטער. מיר צורעדן זיך. זיי וואוינען אויך אין דעם זעלבן לאַגער שוין 6 חדשים. זיי וואוינען דאָ זאַלבעצוועלפט יידישע בעלי מלאכות אין איין קליינעם באַראַק. זיי אַרבעטן דאָ פאַר די אַנגעשטעלטע, פאַר די לאַגער מענטשן, און האָבן דאָ פּריווילעגיעס. זיי וועט מען פון דאַנען נישט אַוועקשיקן, מען דאַרף זיי האָבן.

זיי דערציילן מיר: אַלע נאַכט ווערן פון דאַנען אַרויסגעפירט פּאַרטיעס פליכטלינגע. מען פירט זיי אַרויס אין אַנדערע לאַגערן, אין אמתע לאַגערן, ערגעץ אין שטיין־וויסטעניש, אָדער טיפע בלאָטעס, וואו אין מיטן תמוז פאַרשלומפּערט מען דאָרטן דאָס היטל. לאַגערן מיט שטעכעדיקע דראָט, מיט באַוואָפנטע וואַך, מיט צוואַנגס־אַרבעט, מיט עקזעקוציעס, מיט אומפליית, מיט שמוץ. דאָרט שלאָפט מען אויף אַזעלכע צעפוילטע שטרוי־זעק, אַז מען שטעקט אַריין אַהין אַ פינגער דערפילט מעז וואַסער. לאַגערן מיט בית עולמס, וואָס האָבן זיך צעלייגט אויף מיילן ווייט, און קברים, וואָס וואַקסן ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן.

און דעריבער — זאָגן זיי — איז גלייכער, אַז איך זאָל נאָך היינט פון דאַנען אַפּציִען, מחמת פון זיכערע קוועלן ווייסן זיי, אַז היינט וועט מען אַוועקפירן אַ פּאַרטיע קיין אגדא, אַ ביטערער לאַגער, נישט פאַר אייערע כחות. טאָ מאַכט בעסער פיס... באַלד וועט דאָ דורכגיין אַן אויטאָבוס, וואָס גייט קיין טולוז. זאָל איך נעמען און מאַכן ויברח.

אין דער טונקלקייט האָבן אויפגעשיינט צוויי ליכטיקע לאַמטערנעס. עס איז אָנגעקומען אַן אויטאָבוס. „טולוז־טאַרן״. מיינע באַגלייטער האָבן מיר אָונטערגעהויבן, אַריינגעשטופּט אין וואָגן און מיר זיינען אַוועק.

איך זיץ אַ מטושטשער און אַ ביסל אויפגערודערט פון דער זעלבסט־דורכגעפירטער אַוואַנטורע. קוק זיך אַרום און בלייב פּלוצלונג אַ פּאָר־ציטערטער. ווי אַ שלאַנג וואָלט זיך דאָ פּלוצלונג באַוויזן. נעבן מיר זיצט דער שעף פון דער פּאָליציי, דער רויט־פּנימדיקער רוצח, וואָס האָט אויף מיר אַזוי געפייערט ביי דער רעגיסטראַציע.

נאָר וואָס זע איך?

דאָס רויטע פּנים צעשמייכלט זיך גאָר מיט מילדער לייטזעליקייט, זיינע אויגן קוקן אויף מיר מיט גוטהערציקייט פון אַ נאָענטן פריינט.

דערווייל האָט זיך אָפּגעשטעלט דער אויטאָבוס. מיר זיינען געקומען צו אַ סטאַנציע. דער שעף שטייט אויף, דאָ דאַרף ער אַרויסגיין. ער געזעגנט זיך מיט מיר און ווינטשט מיר: „באָן וואָיאַזש״, דריקט מיר די האַנט און שטייגט אויס.

פון שרעק האָב איך קיין כוח נישט אַראָפּצוואַרפן פון זיך די שרעק און בלייב זיצן ווי נאָך אַ גרויסער שלאַכט, מיד און צעמישט.

פראַנקרייך, מיין פאַרלוירענע, צעפּאַרענע, צעחושכטע פראַנקרייך. מיט דיין הומאַניש־באַרבאַריש־ברידערלעך־ברוטאַלן רעזשים.

***

שפּעט אין אָונט איז מיין אויטאָבוס אָנגעקומען אין טולוז. די שטאָט איז געווען טויט, אויסגעליידיקט און אויסגעלאָשן. אין שטאָט האָט זיך היינט אַ ביסל געטאָן מיט די אַבלאַוועס, מיט די אַרעסטן, איצט איז זי מיד און פאַרחלשט. איך בין אַראָפּגעגאַנגען פון אויטאָ מיט אַ שטאַרקער האַרץ־קלאַפּעניש. כ׳האָב זיך אַוועקגעשאַרט ביי די ווענט זוכן אַ נאַכט־לעגער.

נאָר נישט קיין פריינט און נישט קיין באַקאַנטן האָב איך שוין געפונען. אַ סך פון זיי זיינען היינט געכאַפּט געוואָרן אין די אַבלאַוועס, מאַנכע זיינען אַרעסטירט געוואָרן און מאַנכע זיינען זיך צעלאָפן. איך

בין אוועקגעגאַנגען שלאָנדערן איבער די נאַכטיקע גאַסן פון דער פינצטערער שטאָט. דאָס וועטער האָט געלאָזט וויסן, אַז היינט איז דעצעמבער, געלאָזט וויסן מיט אַ דריבנעם רעגענדל וואָס האָט איינגעוויקלט דעם גאַנצן דרויסן אונטער איין גרויסן פאַרטוך.

אויף אַ זייטיקן פּלעצל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט. דאָ איז געשטאַנען אַ טונקעלער מאָנומענט, אַ הויכער זייל מיט אַ צלם אויף וועלכן עס איז געהאַנגען דער געקרייציקטער יעזוס. דער זייל האָט געהאַט אַ דעכל. דאָ, אונטערן דעכל, האַרט ביים זייל, האָב איך זיך צוגעשפּאַרט. פון איין זייט יעזוס, פון דער צווייטער זייט איך — ביידע זיינען מיר געווען געקרייציקט.

אַזוי האָב איך דורכגעפרוירן די נאַכט.

מיטן גרויען באַגינען האָב איך זיך אויסגעטשוכעט, זיך אָפּגעטרייסלט ווי אַ נאַסער הונט און ווייטער געגומען וואַנדערן אין דעם פייכטן טומאַן פון גרויען פרימאָרגן, אַן אַ זונען אויפגאַנג. דורכגעגאַנגען אַ צוויי בריקן איבער דעם פאַרנעפּלטן טייך גאַראָן מיט זיין אומהיימלעך שוואַרץ וואַסער. דאָ נישט ווייט אויפן ברעג פון טייך האָב איך דערזען ברייטע מאַסיווע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום טויער פון אַ גרויס הויז, אַ שוואַרצעס, אַ מגושמדיקס. דאָס איז דער שטאָטישער שפּיטאָל, „האָטעל דיע״, גאָטס האָטעל.

מיד און צעבראָכן פון דעם משוגענעם מעת־לעת האָב איך זיך אַ וואַרף געטאָן אויף די דאָזיקע נאַסע טרעפּ אָפּצורוען. דערביי האָב איך געטראַכט: עס וואָלט געווען גוט, ווען איך ווער קראַנק אויף אַ לונגען־אַנטצינדונג. אפשר וועט גאָט געבן נאָך אַזאַ נאַכט וועל איך טאַקע קראַנק ווערן אויף אַ לונגען ענטצינדונג, און איך וועל מיר דאָ אין שפּיטאָל זיך צולייגן ווי אַ שררה און וועל מיר דאָ מיט גאָטס הילף איבערקרענקען די שלעכטע צייט, די אַבלאָוועס און אַלע צרות.

איך האָב מיר איינגעקאָרטשעט און בין איינגעשלאָפן.

אין שפּיטאָל

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אין שפּיטאָל „האָטעל דיע". דער חולה, וואָס איז געלעגן לעבן מיר, אין צווייטן בעט, מיט אַ חלבנעם פּנים און כרי־פּענדיקן ברוסט־קאַסטן — אַ שפּאַניער, וואָס האָט געקענט אַ ביסל רוסיש, אויסגעלערנט פון זיינע רוסישע „חברים" אין שפּאַנישן בירגער־קריג — האָט מיר דערקלערט, אַז היינט פרי האָט מען מיך אויפגעהויבן פון די טרעפּ ביים טויער און אַריינגעבראַכט אַהער.

איך האָב מיך אומגעקוקט: אַ גרויסער זאַל מיט אַ סך בעטן, מיט אַלערליי חולאים פון אַלערליי נאַציאָנען און קאָלירן: פראַנצויזן, יידן, איטאַל־יענער און מער פון אַלץ שפּאַניער, פּליטים פון בירגער־קריג אין שפּאַניען, וואָס זיינען אויסגעוואָגלט געוואָרן אין גלות פראַנקרייך, פאַרהונגערט אין די לאַגערן און פאַרפייניקט פון אַלערליי קראַנקהייטן, מערסטנטייל פון שווינד־זוכט, וואָס האָט באַרייכערט און מיטגעהאָלפן דעם וואוקס פון פראַנקרייכס בית־עולם־וועזן.

די ערשטע זאַך, וואָס מיר איז געווען קשה, איז געווען די גרויסע צאָל פון ניט־יידישע קראַנקע. הייסט עס, אַז די אומות העולם קרענקען אויך. איך האָב געמיינט אַז קראַנק זיין איז בלויז אַ יידישער פאַך.

בכלל איז דער זאַל געווען אַ זאַל פון געמישטע קרענק, קאָסמאָפּאָליטיש. קיין איינער פון די קראַנקע האָט זיך נישט געהאַלטן שטרענג ביי זיין ריין נאַציאָנאַלער ליניע. אַזוי, למשל, האָט אַן איטאַליענער געקענט ליגן אויף אַ „שפּאַנישער" קרענק, אַ שפּאַניער — אויף אַ „פראַנצויזישער" קרענק, אַ פראַנצויז — אויף אַן „ענגלישער" קרענק און אַן ענגלענדער — אויף אַ ריין „יידישער" קרענק.

מיין ערשטער געדאַנק איז געווען: איך דאַנק דיר, גאָט, האַר פון דער וועלט, וואָס דו האָסט מיך קראַנק געמאַכט און געבראַכט מיר אַהער־צוצו, אונטער דעם באַלקן פון שפּיטאַל, מיט מיין קראַנקן קאָפּ אין אַ געזונטן בעט.

דאָ וועל איך מיך צעליגן ווי אַ גראָף און וועל מיר קרענקען, ביז די מגפה פון אַבלאַוועס און אַרעסטן וועלן אויפהערן צו בושעווען אין דרויסן. ליג צו דיין אויער צו מיין תפלה, פאַרמייד פון מיר אַ רפואה שלימה, פאַרלענגער מיין שלאַפקייט און באַשיץ מיך פון די הענט פון די מקטרגים און כאַפּער, אמן סלה.

און איך האָב מיך דאָ צעלייגט ווי ביים טאַטן אין ווינגאָרטן, פאַרזאָרגט מיט אַלע וואוילטאָגן. אפילו מיט מוזיק האָט מען מיך פאַרזאָרגט. טאָג ווי נאַכט זיינען דאָ אַנגעגאַנגען ווי־קאָנצערטן, אינטערנאַציאָנאַלע פּיק־כאָראַלן און דער עיקרשט הוסט־סימפאָניעס פון אַלערליי קולות און אינסטרומענטן: פאַרקייכטע, כריפּנדיקע, פאַרלייכצטע, שלוקערצדיקע הוסטן מיט שפּייעכץ באַפּאַרבטע.

איך האָב שוין געקאָנט דערקענען יעדן הוסט לויט זיין כאַראַקטער, ריטם און טעמבער און צו וועלכער נאַציע ער געהערט. איך האָב שוין געוואוסט, צי דער הוסט איז פון אַן איטאַליענער, פראַנצויז, שפּאַניער אָדער דאָס איז דער עכט יידישלעכער יאַדושליוועער הוסט.

און געשטאָרבן איז מען דאָ שטאַרק. אין ריטייל און אין האַלסייל.

נעכטן אוונט, פאַרן שלאָפן־גיין, האָט מיין שכן אָפּגעזאָגט ווידוי און זיך גענומען צו זיין גסיסה־אַרבעט. צוערשט העכער, נאָכדעם שטילער, פּיאַניסימאָ. דער זייגער אויפן וואַנט האָט אים אויסגעציילט זיינע לעצטע רגעס, און ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן. איך בין אויך איינגעשלאָפן. נישט מער, איך בין אין דער פרי אויפגעשטאַנען עסן פרישטיק און ער נישט.

איך האָב זיך צוגעקוקט צו דעם דאָזיקן שטאַרב־פאַבריקל, און עס האָט מיך דורכגענומען אַ גרויס פאַרדרוס.

עס האָט מיך פאַרדראָסן אלמאי דער גאַנצער ענין פון טויט איז ביי מיר אַזוי וואָכעדיק געוואָרן. אַלמאי איך האָב פאַרלאָרן דעם דרך ארץ

פאַר זיין מאַיעסטעט דעם טויט. סטייטש! אַזאַ גרויסע זאַך ווי דער טויט, וואָס איך האָב פון אים געהאַלטן אַן עולם ומלואו, און וואָס אָסקאַר וואַילד זאָגט אויף דעם, אַז נאָך ליבע איז ער, דער טויט, די וויכטיקסטע און לעבעדיקסטע זאַך אין לעבן — איצט האָט ער ביי מיר פאַרלוירן זיין חשיבות. פאַרלוירן זיין רייץ, זיין מיסטיק, זיין סודותדיקייט, און איך האָב געפילט, אַז נאָך אַ ביסל און איך וועל ווערן אַזוי גלייכגילטיק צום טויט, ווי אַ שמש פון חברה־קדישא.

און דאָס האָט מיך פאַרדראָסן.

און נאָך אַן אַנטוישונג האָב איך געהאַט: אויפן געביט פון קראַנקן־שוועסטעריי. פון דער ליטעראַטור, פון די מעשה־ביכלעך און בכלל פון יעדער שפּיטאָל באַשרייבונג, האָב איך געוואוסט, אַז קראַנקען־שוועסטער זיינען על פּי רוב, שיינע, יונגע, סימפּאַטישע, מילדע און בלאַנדע פרויען, און אַז זיי פאַרליבן זיך אין חולה און דער חולה אין זיי און זיי זיינען זייער באַרמהערציק. זיי לייגן אַרויף זייער וואַרעמע האַנט אויפן קאַלטן שטערן פון חולה, אָדער פאַרקערט, זייער קאַלטע האַנט אויפן היציקן שטערן פון חולה, און זיי קילן און זיי טרייסטן און זיי קוויקן; און אַז אַ ליבער שמייכל שוועבט שטענדיק אויף זייערע ראָזע ליפּן, וכדומה אַזעלכע אילוזיעס וואָס מען לייענט אָפט אין ראָמאַנען און מען זעט עס אין די מואָוויס.

אָבער דאָ איז עס נישט אַזוי געווען.

דאָ איז דער גאַנצער סטעף פון די קראַנקען־שוועסטער געווען גרינטלעכע מיאוסקייטן, אַלטע און זויערע נאַנעס אין שוואַרצע אַנגעפּוישטע קליידער און פאַרטוכער, ווי אין יעדער קלייד וואָלט געווען אַ גאַנצער סטויג היי. די גרויסע ברייט־ראַנדיקע הייבן אויף די קעפּ, ווי שירעמס, האָבן אָנגעטראָגן אַ חושך. נאָר אַ מעלה האָבן זיי געהאַט, וואָס זיי האָבן פאַרשטעלט אַ ביסל די פּנימער פון די נאַנעס. גם זו לטובה. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט ווי גרויסע פלעדערמייז, נישט געקוקט קיינעם אין די אויגן, געווען צע־כעסט, פאַרביסן, ווי מען וואָלט זיי געקוילעט די קאַפּאַטע.

איך האָב נישט געזען, אַז זיי זאָלן עמעצן זאָגן אַ גוט וואָרט, אַ טרייסט וואָרט. נאָר האָבן זיי דערזען, אַז עמיצער גוססט, איז מען שוין געווען ביי

זיך בעט מיטן גלח, מיט אַנגעצונדענע ליכט און מען האָט געפּרעפּלט אַ תפילה.

בכלל האָבן זיי, דוכט זיך, דאָ מער אָפּגעגעבן זיך מיט דער זינדיקער נשמה פון חולה איידער מיט זיין קראַנקן גוף.

צוויי שעה אין טאָג, פון 1 ביז 3, איז דער שפּיטאָל געווען אָפן פאַר באַזוכער, איבערהויפּט פאַר קרובים, וואָס פלעגן קומען באַזוכן די קראַנקע. אַ שעה פריער פאַרן עפענען דעם טויער, פלעגן שוין שטיין שערענגעס מיט מענטשן מיט פעקלעך אין די הענט און רייסן זיך אין אינעווייניק.

אין איין מינוט פלעגן אַלע זאַלן, אין אַלע אָפּטיילונגען פון שפּיטאָל ווערן אָנגעפילט מיט מענטשן. יעדעס בעטל פלעגט ווערן אַרומגערינגלט מיט באַזוכער. אויך ביי מיין בעטל איז געשטאַנען אַ געזעמל ווילד־פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס נאָענטע קרובים. איינער האָט מיך אָנגערופן „פעטער״, אַ צווייטער „קאַזין״, אַ דריטער „שוואָגער״, „גליד־שוועסטערקינד״ און איינע, אַ יונג, שיין מיידל, האָט מיך אפילו אָנגערופן „חתן״. „מיין טייערער, מיין ליבער חתן״. מיך אָנגערופן אפילו ביים נאָמען „טונקעלער״ (פון וואַנען האָבן זיי געוואוסט מיין נאָמען?) און אַלע האָבן זיי מיר דערלאַנגט מתנות, נאָכגעפרעגט זיך אויף מיין זעלבסט־פילונג, אויף מיין טעמפּעראַטור, וועגן מיין מאָגן, אַנאַליזע, געטאַפּט מיר דעם שטערן, דעם דופק און באַשאָטן מיך מיט עצות, ווי אַזוי איך זאָל איינגיכן... נישט־געזונט ווערן און בלייבן לענגער אויפן קראַנקן־בעט.

איך בין געלעגן אַ מטושטשער און נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך. נישט אַנדערש, אַז דאָס זיינען בילדער פון היץ, אַ פּראָדוקט פון מיין צעהיצטער פאַנטאַזיע. וואָרעם, היתכן, אַ גאַנצע שטאָט זאָל פּלוצלונג ווערן באַהערשט מיט פריינטלעכקייט צו קראַנקע און אויסברעכן אין אַזאַ רירנדן עקסטאַז פאַר דער הייליקער מצווה פון ביקור־חולים?

אין דער אמתן האָט עס מיר הנאה געטאָן. אין אַ שפּיטאָל באַשרייבונג איז מער ווי יושר ס'זאָל זיך אַריינכאַפּן אַ בילד פון היץ־פאַנטאַזיע. שרייבער האָבן זייער ליב צו שילדערן ווי זייער העלד רעדט פון היץ, פון משוגעת,

פון חלומות, וויזיאָנען און נאָך אַזעלכע זאַכן. איך קען אַ ראָמאַניסט, וואָס אַז עס פאַרפעלט אים פּאָדים און ער האָט שוין נישט וואָס צו זאָגן, נעמט ער זיין העלד, מאַכט אים קראַנק אויף אַ הויכער טעמפּעראַטור און לאָזט אים רעדן פון היץ, פאַר פייער און פאַר וואַסער, אויף אַ שטח פון צען זייטלעך. און טאָמער האָט ער נאָך אַלץ ניט וואָס צו זאָגן, נעמט ער אַ צווייטן העלד, לייגט אים שלאָפן און לאָזט אים חלומען פינצטערע חלומות אויף פּוסטע וועלדער און פּוסטע פעלדער — ווידער אויף אַ שטח פון 15 זייטלעך. און טאָמער דאָס איז אויך נישט גענוג, נעמט ער אַ דריטן העלד און מאַכט אים משוגע און לאָזט אים באַלעבעטשן לאַנגע אויסטערלישע משוגעתן און אומגעלומפּערטע פּלוידערייען אויף גאַנצע 20 זייטן, אַ חוץ אויסגעשריי־צייכנס און פּינטעלעך. איז דאָך אַ יושר, אַז מיין שפּיטאָל באַשרייבונג זאָל אויך באַרייכערט ווערן מיט אַזעלכע וואונדערלעכע אַב־סורדאַלע פאַנטאַזיעס. וואָרעם, וויבאַלד פאַנטאַזיע איז דאָך ניט שייך. אויב פאַנטאַזיע לאָזט מיך.

באַלד איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן. ניין, עס איז נישט קיין היץ און נישט קיין פיבער־בילדער. עס איז אַ ניכטערע, טרויעריק־רעאַלעווירק־לעכקייט.

אַט די אַלע ווילד־פרעמדע מענטשן און קלאָמפּערשטיקע קרובים, וואָס דינען אַנגעלאָפן מיט מתנות און מיט אימפּעט מיך און אַנדערע מבקר־חולה זיין, זיינען — אַנטלאָפענע פון דער גאַס, וואו עס בושעוועט די עפּידעמיע פון אַבלאַוועס, אַרעסטן און מענטשן־כאַפּעריי, וואָס, ווי געוויינלעך, פלעגט עס פון 1 ביז 3 דערגרייכן די העכסטע שטופע און וואָס יידן פלעגן עס אָנרופן די גרויסע „אַבלאַווע־מלכה".

האָבן די מענטשן געזוכט אַ מקום־מקלט און דער מקום־מקלט איז געווען אונדזער שפּיטאָל. אַהער האָבן די כאַפּער ניט געטאָרט דערגרייכן און די מענטשן דאָ זיינען געווען אומבאַרירלעך.

דערפאַר איז מען אַהער געלאָפן, אַ שטייגער ווי אַ פרעמדער, אַ הונגע־ריקער מענטש לויפט אַריין אויף אַ פרעמדער חתונה אַלס נאָענטער מחותן,

איז צעיאַכמערט פון שמחה, קושט זיך אַן מיט דער כלה און עסט זיך אָן מיט אַ חופה וועטשערע.

מיין באַמען האָבן זיי, מיינע „קרובים״, אויסגעפונען אויף דעם טאָפל, וואָס איז געהאָנגען אויף מיין בעט מיט דעם גענוי אויפגעשריבענעם גאַנג פון מיין קראַנקהייט.

און נאָך האָב איך אויסגעפונען, אַז אַ סך פון די יידישע חולאים, וואָס ליגן דאָ אויף די בעטלעך, זיינען אויך פון די דאָזיקע וואָס האָבן זיך געפּראַוואָט ראַטעווען פון דער דרויסנדיקער אַבלאַווע־עפּידעמיע. אויך די דאָקטוירים האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם נייעם מין פּאַציענטן און אַ נאָמען האָבן זיי געהאַט פאַר דער דאָזיקער קרענק — „אַבלאַווע־אַנטריניקוס״.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייניקונג. נישט חלילה, אַ סאַניטאַרישע אָדער אַ היגיענישע רייניקונג, וואָס דאָס וואָלט געווען אַ פאַרלעצונג פון דער אַלטער פראַנצויזישער טראַדיציע... נאָר פּשוט, מען האָט גענומען אויסשרייבן און משלח זיין די דאָזיקע קראַנקע פון שפּיטאָל. פאַרשטייט זיך, מיך אויך בתוכם.

הילפס־קאָמיטעט פאַר פליכטלינגען

אַז איך בין אַרויס פון שפּיטאָל, האָט זיך מיר דער גאַנצער דרויסן פאַרגעשטעלט ווי איין גרויסער ווײ־געשריי פון פראַגע־צייכנס? וואוהין גייט מען? וואוהין לויפט מען? וואו באַהאַלט מען זיך?

אין די אויערן האָבן מיר נאָך געבויערט די בייזע התראות פון דער פּרעפעקטור און אירע יוצר משרתים.

דער פּרעפעקט — (גאָווערנאָר) האָט געוואָרנט מיט אַ שטרענגען בייזער:

אויב מען כאַפּט מיר נאָך איין מאָל, גיי איך אין לאַגער אַריין.

אַ צווייטער באַאַמטער האָט נאָך צוגעגעבן:

— דאָס וועט זיין ניט סתם אַ לאַגער, נאָר אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער! אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער! פאַרשטאַנען??!

אַ דריטער באַאַמטער, מיט אַ פּנים פון אַ פויגל, מיט קרומע וואָנסעלעך, האָט שטאַרק מסביר געווען:

—דאָס וועט זיין אַ דיסציפּלינאַר־לאַגער מיט שטעכעוודיקע דראָט, אַן אורלויב, מיט צוואַנגס־אַרבעט.

און אַ פערטער האָט גערעדט מיט אַ סאַדיסטיש שמייכעלע:

— מיר'ן אייך שיקן אין אַפריקע. איר'ט דאָרט בויען אַן אייזנבאַן ליניע.

און דער גאַנצער אַנסאַמבל האָט צוגעהאָלפן:

— אַן אייזנבאַן־ליניע איבערן מדבר סאַהאַראַ.

— מיט שלאַנגען און עקדישן.

— צווישן לייבן און לעמפּערטן.

מען קען ניט זאָגן, אַז דער דאָזיקער פּזמון זאָל מיר זיין צום האַרצן. מחמת איך האָב געוואוסט, אַז לויט מיין פיזישן און גייסטיקן צושטאַנד

און ליטווישער אָפּשטאַמונג (באָברויסק, מינסקער גובערניע), וועט מיר דער אַפריקאַנישער טראָפּישער קלימאַט זיין אַ ביסל אומגעזונט; און בויען אַן אייזנבאַן־ליניע איבער· דעם מדבר סאַהאַראַ וועט אויך זיין פאַר מיר אַ ביסל ניט צו דער האַנט.

און וואָס שייך לייבן און לעמפּערטן, זיינען זיי אויך ניט קיין פּאַסיקע חברותא פאַר מיר, ווייל בטבע בין איך אפילו מיט אַ היימישן הונט אויך ניט שוה בשוה.

דעריבער איז פאַר מיר די פראַגע געשטאַנען אין פולן ברען און גלאַנץ:

— וואוהין גייט מען? און וועמען פרעגט מען? און וואו געפינט מען אַ מקום מקלט?

איז ביי מיר געבליבן צו גיין אין יידישן פליכטלינג־קאָמיטעט. אין דער שטאָט האָט צו יענער צייט עקזיסטירט אַ שטאָטישער פליכטלינג־קאָמיטעט, וועלן מיר גיין אַהין זיך שואל־עצה זיין.

מיט גרויס פרייד האָב איך זיך געלאָזן גיין צו יענער גאַס צו, וואו ס'געפינט זיך דער קאָמיטעט. די שעה איז נאָך געווען אַ פריע. די גאַסן זיינען געווען ליידיק. די שטאָטישע מערק און שפּייז־האַלעס זיינען געווען פּוסט פון מענטשן און פון סחורות. דער האַנדל איז בכלל געווען אָפּגעשטאָרבן. די האַלעס און שפּייז־קראָמען אַרום האָבן געקוקט בלינד מיט זייערע אָפענע טירן־לעכער. וואו ניט וואו איז געשטאַנען אַ ייִ ביי אַ שטיקל האַרטן קעז. אַן אַלטע מאַרק־הענדלערין האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פאַרדאַרטן ציטרין צום פאַרקויפן. אויף אַ קורצן בענקל איז געזעסן אַ שוסטער און געלייגט אַ גומענעם זויל אויף אַן אַלטן שוך. איבער די טירן פון אייניקע האַלעס זיינען נאָך געהאַנגען די אַלט־פאַרגעסענע שילדן: מילכווארג״, „פליישׂ״, „פיש״, „קאַלבאַס״, וואָס האָבן געטריבן ביטערן חוזק און קאַטאָוועס און עס האָט זיך געדוכט, אַז די אַלע אָפענע לעכער האָבן געלאַכט מיט אַ מעפיסטאָפעלשן געלעכטער.

די שעה, ווי געזאָגט, איז נאָך געווען אַ פריע. די מענטשן־יעגער האָבן נאָך מסתמא גערוט פון נעכטיקע אַבלאַוועס און נאָך ניט אַרויס צום מענטשן־יאַגד. איך האָב מיך געשאַרט ביי די ווענט, זיך געגנבעט דורך די הינטער

געסלעך, ביז איך בין צוגעקומען צום הויז, וואו עס האָט זיך געפונען דער קאָמיטעט.

דער אַריינגאַנג איז געווען באַלאַגערט פון פליכטלינגע. בלייכע, דער־שראָקענע, מידע, מיט אויסגעלאָשענע אויגן; איניקע זיינען נאָך געשטאַנען פון מיטן נאַכט. פאַרשמאַכטע העלדזער האָבן געברומט אַ שטיגער ווי די אַמאָליקע רוימישע מאַסן:

— ברויט און — לאַגער!

אַרום עלף אַ זייגער האָט אַ געלער יונגערמאַן געעפנט די טיר. די טעטיקייט פון קאָמיטעט האָט זיך אָנגעהויבן. מען האָט אונדז אַריינגעלאָזן אין הויף.

די אָרגאַניזירונג פון דער קאָמיטעט־טעטיקייט איז געווען זייער קלוג. די אָנפירערשאַפט איז באַשטאַנען פון דריי דירעקטאָרן. איינער דער גראַן־ראַבען פון שטאָט, אַ ייד מיט אַ שוואַרץ בערדל וואָס האָט גערעדט (נישט דאָס בערדל, נאָר דער ראַבען) נאָר העברעאיש און דווקא מיט דער הברה ספרדית. דער צווייטער, אַ רב פון בריסל, אַ ייד אַ כעסן, וואָס האָט גערעדט נאָר פראַנצויזיש. און אַ דריטער — דער ראש פון דער געמיינדע, אַ ייד וואָס שטאַמט פון דער פראַנצויזישער מאַראָקאָ, און רעדט נאָר שפּאַניש. ווייטער איז געווען אַ סעקרעטאַר, אַ דאַרער אויסגעצויגענער יונגערמאַן מיט אַ טאַליע, מיט אַ פּנים פון קאַפּיטאַן דרייפוס: קליינע וואָנסעלעך, אַ צוויקער אויף אַ שוואַרצן בענדל, מיט לאַקירטע נעגל און אַ מילכיקן קול. ער שטאַמט פון ערגעץ אַ קליין שטעטל אין נאָרמאַנדיע.

די טאַקטיק פון דעם קאָמיטעט איז געווען איינגעשטעלט אויף פאַלגנ־דיקן דיפּלאָמאַטישן שטייגער:

אויב דער פליכטלינג איז געווען אַ פראַנצויזישער ייד, האָט אים אויפ־געגומען דער גראַן־ראַבען און מיט אים גערעדט העברעאיש מיט דער הברה ספרדית. אויב דער פליכטלינג איז געווען אַ רומענישער ייד, האָט אים אויפגענומען דער בריסעלער רב און גערעדט מיט אים פראַנצויזיש אָדער פלעמיש. אויב אָבער דער פליכטלינג איז געווען אַ רוסישער אָדער

פוילישער ייד, האָט אים אויפגענומען דער ראש פון דער געמיינדע און גערעדט מיט אים שפּאַניש אָדער פּאָרטוגעזיש.

די טירן צו די אינעווייניקסטע חדרים זיינען נאָך געווען פאַרמאַכט. דערווייל האָט איינער אַ גאַליציאַנער פּליכטלינג, וואָס איז געשטאַנען ענג צוגעשפּאַרט צו מיר, מיר מסביר געווען דעם מהות פון קאָמיטעט און זיין כאַראַקטער.

— דער קאָמיטעט — האָט ער געזאָגט — באַשטייט פון די היגע פּראָבנצויזישע יאַהודים. זייער אויפגאַבע איז צו שטיצן די אומגליקלעכע פּליכטלינגע. נאָר זיי האָבן אַ פּרינציפּ: ניט צו געבן קיין אייגן געלט, סיידן דער „דזשאָינט" וועט געבן. גיט דער „דזשאָינט", גיבן זיי אויך. שיקט דער „דזשאָינט" אַריין עטלעכע דאָלער ווערט אין קאָמיטעט לעבעדיק. עס קומען צו לויפן די פּילאָנטראָפּן פון שטאָט און מען נעמט אויסטיילן שטיצע, מען וועדט שטאַרק פאַרנומען און עס ווערט אַ גאַריאַטשקע ווי אין אַ קליינשטעטלדיקן מצה־פּאַדריאַד ערב פּסח. לעצטנס האָט דער „דזשאָינט" אָפּגים זיך פאַרשפּעטיקט מיט זיין אויסצאָלונג, מחמת שוין אַ וואָך צייט אַז איך קום אַהער, שטיי אָפּ שעה'ן און באַקום ניט אַ פּרוטה. ניטאָ צו וועמען אַ וואָרט צו רעדן.

איין זאַך האָט דער קאָמיטעט אויפגעטאָן אַ גוטע זאַך. ער האָט געפּועלט ביי דער ווישי רעגירונג מען זאָל עפענען אַ ייִדישן לאַגער. דער היינטיקער אַנגעלאָף אַהער איז: מען וויל זיך פאַרשרייבן אין לאַגער אַריין. מען האָט שוין קיין כוח ניט צו די אַבלאַוועס.

דער עולם אין הויף איז געוואַקסן ווי אויף הייוון.

דאָס גערעדעריי האָט זיך געשטאַרקט און איינער דעם אַנדערן האָט אַריינגערעדט אין פּנים אַריין מיט גאַל און ביטערניש.

אַ ווייבל האָט געוויזן אויף איר קינד מיט אַן אַלט פּנימל און געקלאָגט:

— שוין וואָכן ווי עס האָט ניט געהאַט קיין טראָפּן מילך אין מיילכל. איך וואָלט שוין וועלן גיין אין ייִדישן לאַגער. אפשר וועט דאָרטן זיין כאָטש אַ טראָפּן מילך.

— און איך קום פון פראַנט. געלעגן אין שפּיטאַל. 75 קילאָמעטער דורכגעמאַכט צופוס — האָט געטענהט אַ יונגערמאַן אין אַ זעלנערישן מונדיר — און איך האָב ניט וואו איבערצונעכטיקן.

אַן עלטערער ייד מיט אַ בעזים־באָרד אויף דער באַקן האָט גערעדט מיט אַ צעכראַשקעט קול:

אַ שטאָט קיין עין הרע מיט אַ יידישער עדה זאָל ניט האָבן קיין שטיקל כשר קיך. שוין צוויי יאָר אַז מען לעבט אויף ברויט מיט טיי. איך ווייס? אפשר אין יידישן לאַגער וועל איך האָבן אַ לעפּל געקעכטס. מען זאָגט, דאָרטן איז דאָ אַ כשרע קיך.

— אַז מען איז אָן אַ שפּראַך, אַ שטומע צונג — העלפט אים אַ יידענע, קענטיק זיין ווייב — אַ שטראָף פון גאָט. באַדאַרף מען אַריינפאַלן צווישן פראַנצויזן גאָר. ווער קען פראַנצויזיש, ווער? און צו וואָס דאַרף מען האָבן אויף דער וועלט אַזויפיל לשונות? אַ מער וואָלט מען רעדן אויף רוסיש, אַזוי ווי ביי אונדז אין פאָדוואָלאָטשיסק, וואָלט מען פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט. אין יידישן לאַגער וועלן מיר כאָטש זיין צווישן איגענע.

דאָס געדרעדעריי און טענות האָבן געראַלט ווי אַ וואַקסנדיקער געוויטער, ווי שטאַרקע וואַסערן באַרג אַראָפּ. דאָס בענקעניש נאָך אַ לאַגער איז געווען אין לשער.

אין טיר האָט זיך באַוויזן דער סעקרעטאַר מיט דער טאַליע און געמאָלדן אין אַ שלעכטן דייטש:

— קיין געלט וועט היינט קיינער ניט קריגן. היינט וועט מען בלויז איינשרייבן די פּליכטלינגע, וואָס ווילן גיין אין יידישן לאַגער.

איך בין צוגעגאַנגען צום סעקרעטאַר און האָב אים געוויזן מיין קאַרטע, אַז איך בין אַ צייטונג־מענטש און אַ שרייבער.

ער האָט מיך אַריינגעבעטן אין זיין קאַבינעט און פאַרפירט מיט מיר אַן אינטעליגענטן שמועס.

דער סעקרעטאַר האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ באַרדעוודיקן מענטשן מיט אַ גלאַטן צונג און מיט אַן אייזערנער לאָגיק.

— איר זענט אַ זשורנאַליסט ? נו, יאָ. דאָס האָב איך גלייך פאַרשטאַנען אַזוי גלייך ווי איר האָט מיר געוויזן אייער קאָרעספאָנדענץ־קאַרטע. איך בין אויך אַ זשורנאַליסט. איך שרייב אין מיין שטעטלדיקן וואָכנבלאַט „לאַ ווי די מאָנפעליע״. איצט בין איך גענעראַל־סעקרעטאַר פון אונדזער פליכטלינג־קאָמיטעט. אַ שווערע אַרבעט. עס איז אַ גרויסער רחמנות —

— אויף די פליכטלינגע ?

— ניין, אויף דעם קאָמיטעט. מיר האָבן ניט קיין געלט. דער „דזשאָינט״ האָט נאָך ניט צוגעשיקט זיין סובווענץ. און מיר, פראַנצויזישע יידן, האָבן אַ פרינציפ : ניט צו געבן קיין אייגן געלט. מיר זיינען ניט ווי די אָסט־יידן, וואָס האָבן ניט קיין פרינציפן... אָך, די אָסט־יידן ! מילא, אַז זיי זיינען זיך געזעסן אינדערהיים, איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה. אָבער איצט, אַז זיי האָבן זיך פאַרשפרייט איבער דער וועלט, איז דאָך שרעקלעך. זיי טענהן : זיי זיינען וואַנדערער, פליכטלינגע. און איך פאַרשטיי ניט, אַז וואַנדערער איז וואָס ? דאַרפן זיי זיך אַרומשלעפן איבער דער וועלט ? און אַז פליכטלינגע, קענען זיי ניט זיצן אויף אַן אָרט ? דעם דאָזיקן געדאַנק האָב איך געשריבן אין אונדזער וואָכנבלאַט. אַלע האָבן מיר געלויבט דערפאַר. איר קאָנט עס אויסנוצן.

ער האָט אַ פוץ געטאָן זיינע לאַקירטע נעגל און ווייטער גערעדט :

— יאָ, און נאָך אַ פרינציפ האָבן מיר : גלייכהייט. אַלע פליכטלינגע זיינען ביי אונדז גלייך. אָט, למשל, איר. איר זייט אַ זשורנאַליסט און מסתמא אַן אינטעלעקטואַליסט אויך, פון דעסטוועגן שטייט איר ביי אונדז ניט נידעריקער פון אַלע אַנדערע פליכטלינגע, און איר זייט באַרעכטיקט צו באַקומען פון אונדז די זעלבע מאָס שטיצע וואָס אַלע. דאָס הייסט, קיינער קריגט ניט, קריגט איר אויך ניט.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך בין ניט געקומען צוליב געלט. איך וויל גיין אין יידישן לאַגער.

— אַ, אין לאַגער אַריין ?

— נו, יאָ. איך וויל זיך ראַטעווען. עס שטייט מיר פּאַר אַ קאָנצענטראַציע לאַגער מיט שטעכל־דראָט; מען וויל מיך שיקן קיין צענטראַל־אַפריקע צו בויען אַן אייזנבאַן ליניע אין דעם מדבר סאַהאַראַ, צווישן לייבן און לעמפּערטן, און דאָס איז ניט מיין פאַך און ניט מיין באַרוף.

— גוט, קומט מיט מיר.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גרעסערן צימער. ביי אַ גרינעם טישל זיינען געזעסן די דריי אויבנדערמאָנטע דירעקטאָרן און געפירט אַ מיטינג.

— דאָס איז אַ זשאַרגאָנישער זשורנאַליסט — האָט ער מיך פאָרגעשטעלט — ער וויל ניט קיין שטיצע, ער וויל גיין אין יידישן לאַגער.

— טאָוו מעאָד — האָט געזאָגט דער בריסעלער גראַן־ראַבען אין העברעאיש.

— טרע ביען — האָט געזאָגט דער בריסעלער רב אין פראַנצויזיש.

— מאַי ביען — האָט געזאָגט דער ראש פון דער געמיינדע אין שפּאַניש.

דער סעקרעטאַר האָט מיר אָנגעשריבן אַ בריוו צום דירעקטאָר פון לאַגער. דער וויצע־פּרעזידענט האָט אים אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט. דער פּרעזידענט האָט אָנגעקלעפּט אַ מאַרקע און דער ראש פון געמיינדע האָט מיר אים דערלאַנגט, ווי מען טראָגט אונטער אַ זייער חשובן דיפּלאָם.

ער האָט מיך באַגלייט צום טיר און זיך געזעגנט:

— פּאַרט געזונטערהייט. איך האָף, אַז איר וועט זיין צופרידן. איר וועט זיין צווישן אייגענע. איר וועט האָבן אַ סך שטאָף צו שרייבן.

— און עסן אויך?

— האָפנטלעך.

איך בין געווען איבערגליקלעך.

ענדלעך וועל איך שוין פּטור ווערן פון די אַבלאַוועס. זאָל שוין זיין וואָס עס איז. זאָל זיין צווישן פליי און וואַנצן. אַלץ בעסער ווי צווישן מענטשן־יעגער פון פּעטענס רעגירונג און פון די לייבן און לעמפּערטן אין מדבר סאַהאַראַ.

אין יידישן לאַגער

אַז עס גייט, גייט עס מיט אַלעמען.

איז דווקא אויסגעפאַלן אַ ווינטער, אַז מען זאָל באַהיט ווערן. קאַלט, אַז אַן אייז־בער האָט געקאָנט דערפרוירן ווערן.

פונקט ווען הונדערטער טויזנטער מענטשן וואַנדערן נאַקעט און באָר־וועס, אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ, איז אַראָפּגעפאַלן אַ סיבירער ווינטער מיט שניי און פרעסט, וואָס דרום פראַנקרייך געדענקט עס נישט פון קדמונים.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך אין דעם זיינען מיר פליכטלינגע שולדיק. נישט אַנדערש, אַז נאָר די פליכטלינגע האָבן פאַרשלעפּט אַהער די קעלטן מיט די פרעסט מיט זאַווערוכעס, זיינען די איינוואוינער געווען אויף אונדז אש להבה.

און פונקט אין די דאָזיקע קעלטן האָב איך באַדאַרפט אַריינקומען אין לאַגער.

דער ערשטער ברוך־הבא איז געווען: מען האָט ביי מיר צוגענומען די שפייז־קאַרטע. דאָס הייסט, אַז דאָ אין לאַגער באַדאַרף מען נישט קויפן קיין עסן. מען וועט מיך שוין אויסהאַלטן אויף זייער אייגענע קעסט.

דער לאַגער האָט געהייסן „קעמפּ דע ברענס".

דאָס איז געווען אַ נידעריקער פּלאַץ, צופוסנס פון אַ בערגיק שטעטל מיט דעם נאָמען גאַיאַק.

צוואַנציק הילצערנע צעלעכערטע באַראַקן זיינען געשטאַנען און זיך געוויקט אין אַ טיפער בלאָטע. אין יעדן באַראַק האָבן זיך געפונען הונדערט פאַרשוין. נמצא, אַז אין לאַגער האָבן זיך געפונען 2000 נפשות. 15 הונ־דערט יידן און 500 שפאַניער.

פון דירעקציע אַפּיס האָט מען מיך געפירט אין דער זשאַנדאַרמעריע־אַפּטיילונג. דאָ האָט מען מיר געגעבן אַ נומער פאַר מיין פּערזענלעכקייט־וועגן אַליין, אַ נומער פון מיין באַראַק, אַ נומער פון מיין מאַלצייט־טיש, אַ נומער פאַר מיין געלעגער, פאַר מיין שטרויענעם סעניק, און איך האָב דערפילט, אַז איך בין שוין אויס מענטש, נאָר בלויז אַ נומער. נומער 1211.

אַז איך בין אַרויס פון דער זשאַנדאַרמעריע איז שוין געווען מיטאָג־צייט. דאָ האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ מערקווירדיקע פּאַנאָראַמע.

צווי טויזנט מענטשן, אַלטע, יונגע, ווייבער און קינדער, אָפּגעריסענע, קרועה־בלועהדיקע, אַרומגעוויקלט אין שמאַטעס, אַ שטייגער ווי נאַפּאָלעאָנס אַרמיי, וואָס איז אָפּגעטראָטן פון מאָסקווע, האָבן געטאָפּטשעט אין דער בלאָטע מיט גרויס איילעניש און געשטראָמט צום דעם לאַנגן באַראַק, וואָס האָט געטראָגן דעם קלינגענדיקן נאָמען „קיך און שפּייז־פּאַוויליאָן".

אין די הענט האָט יעדער איינער געטראָגן זיין עמערל, דאָס פּיצל אויסגעטיילט ברויט, דעם לעפל־גאָפּל. אייניקע האָבן נאָך מיטגעטראָגן אַ ציבעלע, אַ קנאָבל, כדי צו באַרייכערן דעם מאַלצייט.

קולות זיינען געגאַנגען ביזן הימל. אַ געמיש פון אַלערליי שטימען, שפּראַכן, דיאַלעקטן. און איינער דעם אַנדערן האָט אָנגעזאָגט די בשורה: עסן! עסן! עסן!

דער שטראָם האָט מיך מיטגעשלעפּט, מיך אָוועקגעזעצט ביי אַ לאַנגן ברודיקן, פאַרגאָסענעם טיש. מען האָט דערלאַנגט אַ טעלער מיט לעבלעכע וואַסער, אַריינגעבראָקט שטיקלעך פאַרעלטערטע ריבן, פאַרגעלט מיט שלעכטן בוימל — דאָס איז געווען אַ פּאַטראַווע וואָס אויפן לאַגער־לשון האָט עס געהייסן „בוליאָן".

און, ווי געוויינלעך, בין איך דערקענט געוואָרן פון מיינעם אַ לאַנדס־מאַן פון פּוילן. קענטיק אַ פאַרערער פון מיין טאַלאַנט.

ער איז אָנגעקומען צו מיר און מיט גרויס יראת־הכבוד און באַגייס־טערונג האָט ער מיר אונטערגעטראָגן אַ שטיקל קנאָבל.

— נאָט איך, פּאַניע, רייבט אָן מיט דעם קנאָבל אייער ברויט, דאָס וועט איך מאַכן אַפּעטיט.

גלות

דער יונגערמאַן האָט מיך גענומען מקרב זיין. ער האָט מיר געוויזן מיין איינקוּמעניש, געלערנט ווי זיך נוהג זיין אין לאַגער. מחמת ער איז שוין געניט. ער איז שוין אויסן געווען עטלעכע לאַגערן מיט אַלע פּאַ־ רשאַנדקעס און האָט מיך שטאַרק געטרייסט, אַז איך וועל דאָ האָבן אַ ים מיט שטאָף צו באַשרייבן.

מיר זיינען געקראָכן איבער די אַנגעפּרוירענע בלאָטעס, און ער האָט מיר אויסדעקלאַמירט אַ ליד, זיינס אַן אייגן ליד וואָס ער האָט אַליין פאַר־ פאַסט, מחמת ער שרייבט לידער, שרייבט ער. ער איז אַ פּאָעט.

— עס איז טאַקע, זאָגט ער, ווי איך האָב געשריבן אין מיינס אַן אָריגינעל ליד:

אָט דעם גרויסן לאַגער בלאָטע
האָט מען אונדז אָװעקגעגעבן;
נעמט מען צו דעם לאַגער בלאָטע,
נעמט מען צו אויך אונדזער לעבן.

אמת דעם אינהאַלט האָט ער אַנטנומען ביי רייזינען. מחמת ביי רייזינען איז אויך פאַראַן אַזאַ ליד:

אָט דעם גרויסן מאַרק פון בלאָטע
האָט מען אונדז אָװעקגעגעבן.
נעמט מען צו דעם מאַרק פול בלאָטע,
נעמט מען צו אויך אונדזער לעבן.

ער האָט נאָר פאַרביטן דאָס וואָרט „מאַרק" אויף „לאַגער" איז עס געוואָרן זיינס אַ ליד.

נאָכדעם האָבן מיר גענומען גיין איבער די באַראַקן.

— דאָ איז אַ ביסל ענגלעך — זאָג איך צו מיין באַגלייטער.

— אַלץ הייסט ענג. שטענדיק איז מען דאָ אונטער פרעמדע אויגן. מען קען זיך אפילו מיט אַן אייגן ווייב ניט צעקריגן.

דאָס איז מיין אייגענער וויץ — האָט ער צוגעגעבן — מחמת איך בין אַ סאַטיריקער אויך.

דער מעניו פון דעם אָוונטברויט איז געווען דער זעלבער, באַגלייט מיט דעם זעלבן ליאַרם און געשריישן ווי צו מיטאָג.

מיין אָרט צום שלאָפן איז אויסגעפאַלן אויף אַן אויבערשטער נאַרע. סאַמע אונטערן דאַך.

פונקט ביי מיין קאָפּ איז געווען אַ לאָך אין בוידעם, וואָס האָט אַריינ־געלאָזן אַ שטיק טונקל בלויען הימל מיט אַזוי פיל פראָסט און ווינט, אַז איך האָב געמיינט, איך ווער אַ קדוש.

אמת, ווען מען שלאָפט מיט נאָך הונדערט פאַרשוין אין איין צימער, שאַדט ניט אַ ביסל ווענטילאַציע מיט אַ ביסל פרישע לופט. אָבער די לופט איז שוין געווען אַ ביסל צו שטאַרק.

איך האָב זיך געשטאַרקט, עלעהיי זאָל דוכטן, איך פאָר מיט אַ נאָרד־פאָל עקספּעדיציע. איך האָב מיר פאַרגעשטעלט, אַז איך בין איינער פון די פראַנצויזישע סאָלדאַטן, וואָס טרעט אָפּ פון מאָסקווע. נאָכדעם האָב איך מיר געמאָלן טראָפּישע בילדער, הייסע זאַמדן פון סאַהאַראַ, שוויץ־בעדער. מיין פאַרשטעלונגס קראַפט האָט געאַרבעט אויף אַלע כלים. עס איז מיר אָבער דערפון ניט וואַרעמער געוואָרן.

אויף מאָרגן בין איך אויפגעשטאַנען מיט אַ הוסט, וואָס איז מיט יעדן טאָג געגאַנגען באַרג אַרויף. שטאַרק, שטאַרקער און נאָך שטאַרקער. איך בין אַוועק צום לאַגער־דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט געהייסן דאָקטאָר וואָלף, אַן עלזאַסער ייד, אויך אַ פּליכטלינג.

דער דאָקטאָר האָט מיך אויפגענומען זייער פריינטלעך. ער האָט שוין געהערט פון מיר. דער פּליטים קאָמיטעט האָט אים שוין מודיע געווען.

— מען דאַרף, — זאָגט ער — מיר שטעלן באַנקעס. איז, מילא, באַנקעס קאָן ער קריגן, נאָר וואו צו שטעלן איז נישטאָ וואו. דאָס הייסט, אַן אָרט, וואו צו שטעלן איז יאָ פאַראַן: אויף מיין רוקן, אויף מיינע זייטן, אויף מיין נאַקן; נאָר וואָס דען? נישטאָ קיין וואַרעם צימער. אין קראַנקן־צימער איז געפּאַקט מיט חולאים. קראַנקע ליגן אויף דער ערד, ליגן אין היץ און גייען אויס פאַר קעלט.

גלות

וואָס זשע טוט מען? גוט. ער וועט מיך פירן אין קיך. דאָרטן איז דאָ אַן אויוועלע. דאָרט איז אַ ביסל וואַרעמלעך. דאָרט וועט ער מיר שטעלן באַנקעס.

האָט ער מיך אַריינגענומען אין קיך, מיר געהייסן זיך איבערבייגן איבערן טיש, אַנטפּלעקט מיין פּלייצע און אַרויפגעהאַקט מיט גרויס פּאַטאָס אַ פערציק שטיק באַנקעס.

כדי איך זאָל זיך ניט נודיען און האָבן וואָס צו טאָן, האָט מיר דער גוטער דאָקטאָר אונטערגערוקט אַ טעלער געקאָכטע פלוימען (זיי רופן עס; „אמעריקאַנער פלוימען", מחמת זיי קומען פון אַמעריקע), און מיר געהייסן עסן.

— נאָט, לענט איך אונטער אייער האַרץ.

בין איך מיר אַזוי געזעסן, אַנגעלאָדן ווי אַ קעמל מיט אַ וואַלד געהאַקטע באַנקעס אויף מיין נאַקעטן רוקן, געשלונגען געטריקנטע פלוימען און זיך צוגעהערט ווי די באַנקעס ציען מחיה־נפשות.

אויף מאָרגן איז מיר שוין געוואָרן בעסער. זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ לעבן. דערפאַר אָבער האָט אַן אַנדער נפש ניט אויסגעהאַלטן. אַ קינד איז יענע נאַכט דערפרוירן געוואָרן אויף טויט.

אַ סומאַטאָכע איבערן גאַנצן לאַגער. אַ שטילער פּראָטעסט־געמורמל האָט זיך געטראָגן פון מויל צו מויל. אָבער צו קיין עפנטלעכן רעוואָלט איז נישט געקומען. מען האָט מורא געהאַט, ווייל מען האָט מתרה געווען, אַז קוים וואָס, וועט דער גאַנצער לאַגער איבערגעטראָגן ווערן אין אַן אַנדער לאַגער מיט שטעכיקע דראָט, מיט קאַרצערס, מיט אַלע גוטע זיבן זאַכן. האָט מען געקריצט די ציין און געגרייט זיך צו דער לוויה.

אויף מאָרגן פרי האָט מען געפירט דאָס קינד צו קבורה. כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג פון לאַגער איז געגאַנגען צו דער לוויה. דער פרי־מאָרגן איז געווען אַ קאַלטער, אַ כמורנער. די באַגלייטער האָבן זיך געוויקלט אין שמאַטעס, גענורעט, געבויגן, נאָכגעגאַנגען דעם קליינעם מת. ס'האָט

אויסגעזען, ווי הירשענבערגס „גלות בילדער" וואָלט אַראָפּ פון לייוונט און זיך געלאָזן אין וועג אַריין.

צומאָרגנס האָט מען מיר געגעבן נאָך צוויי קאַלדרעס. בין איך שוין געשלאָפן אונטער דריי קאַלדרעס, און ווען מען זאָל רעכענען, אַז איך בין געשלאָפן אין מיין גאַנצן אַנטועכץ, אַזוי צו זאָגן, אין „פּאַלנער אַמוניציע", אין פּאַלטאָ, קאַפּעליוש און אין זאָקן, אַרומגעוויקלט אין צוויי שאַליקעס — קאָן מען זאָגן, אַז עס איז געווען נישט קיין שלאָף, נאָר אַ ריכטיקער תענוג, פון וועלכן איך האָב באַקומען אַ שטאַרקע פאַרקילונג, וועלכע האָט זיך כמעט געגרענעצט מיט אַ לונגען אַנטצינדונג.

נאָר ווידער לאַנג לעבן זאָל דער דאָקטאָר וואָלף. ער האָט גענומען כלאָפּאָטשען ביי דער דירעקציע, אַז היות איך קען נאָך שטאַרבן, וואָס דאָס וועט פאַרשאַפן טראָבל אין לאַגער, זאָל מען מיר דערלויבן זיך באַזעצן אין אַ דערבייאיקער שטעטל.

דער דאָקטאָר איז אַריינגעקומען צו מיר אין באַראַק, האָט מיך אָפּגע־רופן אין אַ ווינקל און געפרעגט:

— וועלכע קרענק, אַלזאָ, ווילט איר האָבן?

— וואָס הייסט? — האָב איך ניט פאַרשטאַנען.

— איך מיין — האָט ער געזאָגט — אויף וועלכער קרענק ווילט איר קרענקען? מחמת אום צו קריגן פאַר איך אַ דערלויבעניש אויף צו וואוינען אין אַ דערבייאיקער שטעטל, מוזט איר זיין קראַנק אויף אַ חשובע קרענק.

— כ'ווייס? — זאָג איך — קלייבט מיר אויס עפּעס אַ לייטישע קרענק. איך פאַרלאָז זיך אויף אייער געשמאַק.

ער האָט מיר אויסגעקליבן אַ קענסער.

מיט גרויסע שוועריקייטן האָב איך געפונען אַ וואוינונג אין שטעטל. יעדן טאָג פלעג איך באַזוכן דעם לאַגער. ערשטנס צוליבן עסן, וויל קויפן עסנוואַרג אָן אַ שפּייז קאַרטע אין שטעטל האָב איך ניט געקענט. און די שפּייז קאַרטע, ווי איך האָב איך שוין געזאָגט, האָט די דירעקציע פון

לאַגער ביי מיר אָוועקגענומען. והשנית האָב איך געוואָלט זיצן צווישן מיינע ברידער. נישט קיין קלייניקייט אַ קיבוץ פון טויזנט פינף הונדערט יידן. דאָס פאָלק ישראל אין מיניאַטור, מיט אַלע אירע שיכטן, קלאַסן, דיאַלעקטן, זיטן, קאַפּריזן, מחלוקות, מיט הכל־בכל־כל.

אויפגעשטאַנען אין שטעטל און גלייך געלאָפן אין לאַגער. אַרומגע־קראָכן איבער די באַראַקן, נאָכגעקוקט דאָס לעבן פון די אינטערנירטע יידישע פאַמיליעס, וואָס זיינען פאַרמשפּט צו לעבן אין ענגשאַפט און אין הונגער, וואָס קיינער פון זיי ווייס ניט ווען דער פּיין וועט זיך ענדיקן.

נאַטירלעך, דער הונגער האָט זיך געלאָזט פילן. אַ גרויסן אָרט האָבן פאַרנומען די געשפּרעכן וועגן עסן, ווי מען וואָלט וועלן מיט די געשפּרעכן פאַרשטאָפּן דעם הונגער; כאָטש רעדן וועגן עסן, ווען עסן איז געווען אַזוי קאַרג, אַזוי ווייניק.

מען האָט זיך ביטער געוויצלט.

— יידן, היינט וועט מען געבן געבראָטענע הינדלעך.

— האָסטו געזען די בלינצעס מיט סמעטענע?

— און ווי איז ביי אייך אין דער כשר קיך? — פרעגט מען איינעם אַ פרומען יידן.

—שטרענג כשר: מען גיט גאָרנישט, איז במילא כשר למהדרין מן המהדרין.

— פּופּצן מענטשן פלעגן דאָך גיין ביי מיר צום טיש, וויי איז מיר! — קלאָגט אַ יידענע.

אַ ווייבל גיט אַ פּאַטש מיט די הענט.

— קינדעלעך! די לעקאַכער וואָס איך פלעג באַקן!

— איך פלעג קומען פון דאָרף, — דערציילט אַ ייד, קענטיק אַ דאָרף פּעדלער — האָב איך דערלאַנגט מיין ווייב: נאַ, נאַ דיר אַ זייטל פליישׁ, אַ קאָשיק אייער, אַ זעקל קאַרטאָפל. נאַ נעם און קאָך וועטשערע.

— אַ שטיקעלע שמאַלץ הערינג, איי, איי, איי! — פאַרבענקט זיך עמיצער.

— איצט עסן מיר צעפוילטע ריבן. חזירים האָבן דאָס ביי אונדז נישט געוואָלט עסן.

אַ פּאָר מאָל האָבן אויסגעבראָכן ווייבערשע בונטן — ניט געווען קיין ביסל מילך פאַר די קינדער. ווער האָט נישט געזען דאָס מסירת נפש פון די ווייבער פאַר די קינדער.

דאַן פלעגט שוין אָנקומען אַ שליח פון „דזשאָינט", און די מילך פראַגע פלעגט געלייזט ווערן.

אַ סך יידן האָבן דאָ געאַרבעט שווערע אַרבעט: געטריקנט די בלאָטעס, פאַרריכט די באַראַקן, געברוקירט די גאַסן, געבויט בריקלעך. מען האָט געוואוסט, אַז דאָס בויט מען פאַר אַנדערע. דער „דזשאָינט" האָט אַריינגעלייגט אַזוי פיל געלט. און כך הווה. איצט איז דער לאַגער פאַרנומען פון פראַנצויזן פאַר זייערע פּליכטלינגע, און די יידן פון יידישן לאַגער זיינען צעשיקט אין אַנדערע לאַגערן, פּרימיטיווע, וויסטע. ווידער מסתמא צוצוגרייטן פאַר בילכערע...

איך האָב דאָ געטראָפן בעלי מלאכות, וואָס זיצן אין די ווינקלען און אַרבעטן בשתיקה, הגם עס איז פאַרבאָטן פאַר פּליכטלינגע צו אַרבעטן. איך האָב געזען אַן עלטערע דייטשישע פרוי, וואָס האָט געפירט אַ ציקל לעקציעס פאַר גרופּעס לאַגער־יוגנט וועגן „פּרווידס טעאָריע". (די יידן האָבן זי גערופן: די פרוי וואָס דערציילט פון נחת און פון „פּרוידן").

איך האָב געזען ביי אַ טישל זיצן דעם באַרצעלאָנער רב, האָנט ביי האָנט מיט ליטווישן ראש־ישיבה. ביידע האָבן זיך געשאָקלט און געלערנט פון אַ גמרא אַרויס. דער ערשטער אויף פראַנצויזיש, און דער צווייטער אין ליטוויש. ביידע האָבן געדרייט מיט די גראָבע פינגער, און ביידע האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען.

אַ גרויסע פאָדערונג איז געווען אויף ביכער. דער דירעקטאָר האָט געקוועטשט מיט די פלייצעס:

— אין קיין אין לאַגער פאָדערט מען נישט אַזוי פיל ביכער. איך פאַרשטיי — אַז מען פאָדערט עסן. אָבער ביכער גאָר.

גלות

עס איז געווען לעבעדיק, טרויעריק, ראַשיק, און אַזוי היימיש.

דווקא דאָ האָב איך אַ סך געלערנט: געדולדיקייט, אויסדויער און דעם כוח פון יידישער סבלנות. ערשט דאָ האָב איך געזען, וואָס הייסט דער וואונדערלעכער יידישער בטחון, דער גרויסער אָפּטימיזם. און הגם די ווענט פון לאַגער האָבן אָפּט געוואונקען מיט דעם אויפשריפט פון דאַנטעס „גיהנום״: „מענטש, ווען דו קומסט אַהער, פאַרלאָז אין דרויסן דיינע האָפ־נונגען,״ איז דאָך יעדער געווען פול מיט האָפענונג, וואָס שפּייזט די נשמה, און נערט דעם הונגעריקן גוף.

אין אַ יידישן לאַגער בין איך געווען.

אַ פליכטלינג — אַ מנחם מענדל

אין דעם זעלביקן ייִדישן לאַגער האָב איך געטראָפן זייער אַ טשיקאַווען טיפּ. דאָס איז געווען אַ ייִדל אַ זשוואַוער, צעטראָגענער, מיט אַ זאַפּראַן־געל אונטערגעשאָרן נערוועז בערדל, מיט אַ האַרטן ברוינעם קאַפּעליוש אַנגערוקט ביז די אויערן, האָט געטראָגן אַ געשפּאָלטענע וויזיטקע ביז די קני, און אַ צעטרעמפּלטן שירעם מיט אַ גומילאַסטיק אַרומגעבונדן.

אין לאַגער האָט מען אים גערופן „מנחם מענדל", מחמת דער מענטש האָט נישט גערוט, רק געהאַוועט, רק געמסחרט. האָט איינער פון די פליכט־לינגע אין לאַגער פאַרקויפט צו אַן אַנדערן אַ ביסל שטרוי פון זיין שטרוי־זאַק, איז ער געווען דער מעקלער. האָט איינער זיך געטוישט מיט אַ ביסל טיטון אויף אַ שטיקל צוקער, איז ער געווען דער פאַרמיטלער. מיט איין וואָרט ער האָט דורכגעפירט אין לאַגער די גרעסטע טראַנזאַקציעס.

צו דער זעלבער צייט פלעגט ער רעדן וועגן גאָר גרויסע אונטער־נעמונגען, מייסטנס וועגן שיף־בוי, שיפס־געזעלשאַפטן, וועגן פּאַסאַזשיר־שיפן, פראַכט־שיפן, וועגן אַ גרויסן האַנדלס־פלאָט, נאַוויגאַציע, וויזעס און לענדער.

איך האָב מיט אים געזוכט צו פאַרפירן אַ שמועס. איך בין געווען טשיקאַווע צו וויסן, ווי אַזוי האָט דער דאָזיגער פאַרשוין דורכגעמאַכט זיין פליכטלינג־גלות, און ווי אַזוי איז ער געקומען אַהער אין דעם דאָזיקן לאַגער אַריין. איך האָב אים געבעטן צו דערציילן.

—אַ! מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! — האָט ער זיך אַנגעכאַפּט, — עס איז דאָך אַ בפירושער פּסוק: „מער ווי די קאַלב וויל זויגן, וויל די קו

געזויגט צו ווערן". גוט, איך וועל אייך דערציילן. איך ווייס ווער איר זייט. איר וועט עס אוודאי באַשרייבן און אָפּדרוקן און נעמען באַצאָלט. טאָ געדענקט: מיר אַ חלק, אייך אַ חלק; מיר אַ דאָלער, אייך אַ דאָלער; אייך אַ מיליאָן, מיר אַ מיליאָן. דערווייל גיט אַהער — אַ סיגאַרעט.

איך האָב אים דערלאַנגט מיין טיטון מיט אַ שטיקל פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. ער האָט גענומען דרייען אַ סיגאַרעט צווישן זיינע ביינערנע פינגער און בשעת מעשה דערציילט:

— איך ווייס נישט, צי איר האָט מיך באַמערקט די גאַנצע צייט, זינט מיר זיינען דאָ אין פראַנקרייך. אייך האָב איך יאָ באַמערקט. איך ווייס אַז איר האָט געוואוינט אין אַ דאָרף אקס. איך האָב געוואוינט נישט ווייט פון אייך, אין אַ דאָרף סאַלי־סאַלאַט. פון צייט צו צייט פלעגן מיר זיך טרעפן אין טולוז. אין די רייען ביי די קאָנסולאַטן, אין מאַגיסטראַטן, אין די פּליכטלינג־קאָמיטעטן, אין די שטאָטישע קיכן, אין די רייזע־ביוראָס און נאָך אַזעלכע פּלעצער, וואו פּליכלינגע באַגעגענען זיך.

„איך ווייס נישט, ווי ס'איז אייך געגאַנגען אין אייער דאָרף. מסתמא זייט איר זיך געזעסן און געשריבן אייערע מעשיות. איר האָט דאָך אייער געשעפט שטענדיק מיט זיך... איך האָב געמיינט, אַז איך וועל משוגע ווערן. אָט דאָס לייִדיקגיין. אָט די פּוסטקייט האָט מיר געעקט מיין לעבן. רבונו של עולם, וואָס האָט מען מיך פאַרשפּאַרט אין אַ וויסטן פינצטערן דאָרף?! מיך, אַ קאָמערצעסקע מענטש, מיט אַ קאָמערצעסקע זשילקע האָט מען גענומען און אַריינגעזעצט אין אַ דאָרף, ערגעץ אין אַ העק. וואָס קאָן איך דאָ אויפטאָן, איך מיט מיין כוח האימפּעט וכוח הראַפּטום. איז ביי מיר געבליבן — לויפן! לויפן פון דאַנען! לויפן אין דער גרויסער וועלט אַריין, לויפן וואו די אויגן וועלן טראָגן!

אָבער ווי פאַרט מען, אַז מען לאָזט אין ערגעץ נישט אַריין, און דער עיקר — מען לאָזט פון דאַנען נישט אַרויס? פאַרהאַקט, פאַרפּאַקט, פאַר־קאָרקעוועט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך צונויפגערעדט און געמאַכט יד אחת קעגן מיר: איין האַלבע וועלט — אַז זי וועט מיך נישט אַרויס־לאָזן, אַ צווייטע האַלבע וועלט — אַז זי וועט מיר נישט דורכלאָזן, און אַ

דריטע האַלבע וועלט — אַז זי וועט מיך נישט אַריינלאָזן. ליגט מען, הייסט עס, אין פעסל.

מיינט זשע פונדעסטוועגן נישט, אַז איך בין פון די מענטשן, וואָס וועלן זיך אַוועקזעצן וואַרטן מיט פאַרלייגטע הענט. אָ, ניין, נישט אַזאַ מענטש בין איך!

פלעג איך מיך יעדן טאָג אַרויסגנבענען פון דאָרף און אַריינכאַפּן זיך קיין טולוז און על כל צרה שלא תבוא, איינהאַנדלען אַ פּאַספּאָרט. יעדן טאָג אַ נייעם פּאַספּאָרט: אַ פּוילישן, אַ ליטווישן, אַ פּערסישן, אַ אורוגוואַישן, אַ שוועדישן, אַ פּאָרטוגעזישן, אַ פּאַלעסטינעזישן. אַ חוץ דריי דיפּלאָמאַטישע פּאַספּאָרטן. זאָלן זיך וואַלגערן פּאַספּאָרטן אין קעשענע. מען קאָן דאָך נישט וויסן וועלכער פּאַספּאָרט וועט דיר צונוץ קומען.

אין יעדער פּאַספּאָרט האָב איך געהאַט אַן אַנדער עלטער. אין איין פּאַספּאָרט בין איך אַלט 36 יאָר, אין אַ צווייטן — 48, אין אַ דריטן — 65, אין איין פּאַספּאָרט בין איך אַלט 82, און אין נאָך אַ פּאַספּאָרט גאַנצע 16. מען האָט דאָך נישט געקאָנט וויסן אין וועלכן עלטער מען וועט איך אַרויס־לאָזן.

— היינט וויזעס! אַ גאַנצע טוץ האָב איך זיך איינגעשאַפּט. וואוהין ווילט איר? קיין כינע, סיאַם, סאַן דאמינגאַ, סאַלוואַדאר, ניי זעלאַנד, פראַנ־צויזישע מאַראָקאָ, בעלגישע קאָנגאָ. און וואו נישט?

און ווילט איר, בין איך אין יעדן פּאַספּאָרט געווען פון אַן אַנדער רעליגיע: אַ קאַטאָליק, אַ מאַכמעדאַנער, אַ קאַנטאַניסט, אַ פּראַוואָסלאַוונער, אַן עפּילעפּטיק, אַ סאַדיסט, וכדומה אַזעלכע אמונות. נאָר דאָס האָב איך נישט געטאָן. על כל פנים וועל איך דאָך נישט בייטן מיין אמונה פאַר אַ וויזע. ווי לאַנג קרענקען זיי.

גייט דאָך מיר אָבער שלים־שלימזלדיק. זיך איך מיר אַזוי אין טולוז אויף אַ באַנק אין שטאָט גאָרטן, לעבן דער שוואַרצער בערזע. געהאַט דורכ־צופירן עפּעס אַ מיליאָנען געלט־טראַנזאַקציע. ווערט פּלוצלונג אַ בהלה, אַן אַבלאַווע. צוויי פּאָליציאַנטן כאַפּן מיך אויף און מען ברענגט מיך אין פּאָליציי אַריין, און מען נעמט מיך אויפן פאַרהער.

פּאַספּאָרט — זאָגט צו מיר דער פּאָליציימייסטער — ער וויל, הייסט עס, איך זאָל אים ווייזן מיין פּאַספּאָרט. פרעג איך:
וועלכן?

ווערט אים קשה: וואָס הייסט „וועלכן?״ משמעות איך האָב עטלעכע פּאַספּאָרטן. באַזוכט מען מיר און מען געפינט ביי מיר, קיין עין הרע, אַ היפשן פּעקל פּאַספּאָרטן פון כל המינים.

נעמט מען ביי מיר אַוועק אַלע פּאַספּאָרטן און מען שפּאַרט מיר איין אין קוטשעמאַט. און איך זיץ דאָרט אָפּ צוויי חדשים. קוים אַרויס מיטן לעבן. מיינט איר אַז דאָס תפיסה לעבן איז מיר געווען שווער? חלילה. נאָר דאָס ליידיקגיין. פאַר מיר, אַזאַ מענטשל מיט אַזאַ קאָמערצעסקער זשילקע! וואָס פאַר אַ געשעפטן האָב איך דאָרטן געקאָנט מאַכן?

און מען שיקט מיך ווידער אַוועק צוריק אין מיין דאָרף סאָלי סאַלאַט. זיץ ווידער אין געהאַקטע וואונדן. ווידער פּלאַצט מיר דער קאָפּ: ווי רייסט מען זיך אַרויס פון דאַנען?

געהערט האָב איך, אַז די בעסטע זאַך איז אַריבערצוכאַפּן זיך קיין מאַרסעל. מאַרסעל איז אַ כרך. מאַרסעל האָט אַ ים, אַ פּאָרט. מאַרסעל איז אַ קאָמערצעסקע שטאָט. מאַרסעל האָט קאָנסולאַטן, אַן עמיגראַנטן־ביוראָ. פון מאַרסעל גייען אָפּ שיפן אין אַלע עקן וועלט. טאַקע, דאָס וואָס איך דאַרף. אַ שטאָט פאַר מיין כאַראַקטער.

האָב איך איינגעשטעלט דאָס לעבן, אַנטלאָפן פון דאָרף און אַריינגע־כאַפּט זיך קיין מאַרסעל.

— געקומען קיין מאַרסעל, האָב איך קודם כל געוואונען זוכן דאָס ביוראָ, וואו מען פאַרנעמט זיך מיט עמיגראַנטן. גיי איך אַזוי איבער אַ גאַס, און שטויס זיך אָן אויף אַ געזעמל מיט מענטשן ביים אריינגאַנג פון עפּעס אַ הויז. די מענטשן שטופּן זיך, אַז מען זאָל באַהיט ווערן! ביים טיר שטייט אַ יונגאַטש מיט אַ פּאָר ידים און מאַכט אָרדענונג. דער בחור מיט די ידים שרייט צו אַ יידן:

— שטופּט זיך נישט, פעטער, וואָרום איך פאַר איך באַלד אַריין אין די ציין.

שרייט דער ייד צוריק:

— און איך גיב דיר אַ פּאָר איבערן ציפּערבלאַט (פּנים), וועסטו פּאָרן וואו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט.

— אוי קינדערלעך! זעט נאָר ווי דער פּ׳שוין איז מיר אַריינגעפּאָרן מיט די עלנבויגנס אין סאַמע זייט אַריין! — שרייט אַ יידענע.

— פּעטער! פּאָרט פון דאַנען, וואָרום איך וועל אייך אונטערפּאָרן אַן אויג. פּ׳שאָל!

—הלך משה מרדכי!

— געפּאָרן זאָל ווערן!

— יאזדא!

— דערהערט, אַז דאָ רעדט זיך זייער שטאַרק פון „פּאָרן", „אַריינפּאָרן", „אונטערפּאָרן", „יאזדא" און „פּ׳שאָל" — פאַרשטיי איך, אַז דאָס מוז געוויס זיין אַן עמיגראַציע קאַנטאָר. און כך הוה, דאָ איז טאַקע אַן עמיגראַציע־אַמט אונטערן נאָמען „לך־לך".

דער פּליכטלינג דערציילט זיין מעשה ווייטער

אויף מאָרגן בין איך ווידער געגאַנגען אין לאַגער.

מיין פּליכטלינג האָט געהאַט שוין אָפּגעגעסן פרישטיק, האָט געדרייט אַ דינעם סיגאַרעטל צווישן זיינע דאַרע געלבלעכע פינגער, געקוקט אויף מיר אַ צופרידענער און געזאָגט:

— וואָס? איר ווילט ווייטער הערן?

— געוויס.

— טאָ גיט אַ שוועבעלע, וועל איך אייך ווייטער דערציילן... איז וואו האַלטן מיר?

— ביי דעם עמיגראַנטן־אָפיס „לך־לך".

— יאָ, ביי דעם „לך־לך"... האָב איך מיר אַריינגעקוועטשט אינעווייניק אין „לך־לך". אַרומגעפּאָרן איבער די טישלעך, וואו מען האָט מיך פאַרשריבן און גוט אויסגעפרעגט, ביז עס האָט מיך אויפגענומען דער דירעקטאָר אַליין.

— וואָס ט'איר זאָגן גוטס?

— איך בין אַ פּליכטלינג, — זאָג איך — איך וויל ערגעץ פאָרן, מעג זיין אפילו אַמעריקע, כ'האָב גאָרנישט דאַקעגן. ווייל אַמעריקע איז פאַר מיר, ווי אַנגעמאָסטן.

— און אַ וויזע האָט איר?

— ניין.

— טאָ וואָס זשע זייט איר אַהער געקומען?

— איך בין געקומען, אפשר קענט איר מיר מאַכן אַ וויזע.

— מיר מאַכן נישט קיין וויזעס, אַ וויזע מוזט איר אַליין מאַכן.

— און אַ לאַנד וואוהין צו פאָרן האָט איר פאַר מיר?

— לאַנד מוזט איר אויך אַליין אויסזוכן. מיר טיילן נישט קיין לענדער. מיר זיינען נישט קיין טעריטאָריאַליסטן.

— און אַ שיף צו פאָרן?

— מיר האָבן נישט קיין שיפן. מיר זיינען נישט קיין שיפס־געזעל־שאַפט און מיר האָבן נישט קיין פּלאַט.

— און אַ שיפסקאַרטע?

— אַ שיפסקאַרטע וועט איך געבן דער, וואָס וועט אייך שיקן די אַפידייוויטס.

— און אַ פּלאַץ אויפן שיף?

— וועט איר אַליין זיך אויסזוכן. יעדער דאַרף זאָרגן פאַר זיך. מיר האַלטן פון פּריוואַט־„ניציאַטיווע״.

— אַ! „ניצאַטיווע״, זאָג איך, האָב איך וויפל איר ווילט. נאָר מיר פעלט אַ ביסל געלט.

— מיר גיבן נישט קיין געלט. מיר זיינען נישט קיין פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט.

— טאָ וואָס זשע קאָנט איר פאַר מיר טאָן?

מיר קאָנען אייך געבן דעם אַדרעס פון אַמעריקאַנער קאָנסול.

און ער באַפעלט צו אַ צווייטן פאַרשוין, מסתמא דעם וויצע־דירעקטאָר.

— הער ראָזענשפּאַלט, זייט אַזוי גוט און שרייבט אויס דעם־אַ יידן דעם אַדרעס פון אַמעריקאַנער קאָנסולאַט.

דער וויצע־דירעקטאָר שרייבט אָן דעם אַדרעס פון אַמעריקאַנער קאָנ־סולאַט, דערלאַנגט עס מיר מיט גרויס חשיבות און גיט צו:

— לויפט גלייך אין קאָנסולאַט, היינט נעמט מען גראָדע אָן.

איך לאָז זיך אין אַמעריקאַנער קאָנסולאַט.

דאָ האָט מיך אויפגענומען עפּעס אַ פּרויענצימער און האָט מיר געפרעגט:

— וואָס ווינשען זי?

—איך וויל פאָרן קיין אַמעריקע.

— וואָס ווערדען זי טהון אין אַמעריקע?

— וואָס הייסט, זאָג איך, וואָס וועל איך טאָן? האַנדלען. איך בין אַ קאָמערצעסקע מענטש מיט „ביציאַטיווע" מיט אַ קאָמערצעסקע זשילקע. איך וועל אַוועקשטעלן אַמעריקע אויף אַ קאָמערצעסקע פוס.

— און וואו האַלט איר מיט דער קוואָטע?

פאַרשטיי איך נישט.

— איך מיין, פונוואַנען זייט איר — פרעגט ער ווייטער — וואו זייט איר געבוירן געוואָרן?

— אין קאָנסטאַנטינאַווקע.

— וואו ליגט עס?

— צווישן לוצק און לאַשניץ. נישט ווייט פון אַזאַראַוויץ. אויפן וועג קיין קאָרעץ.

— אָבער צו וועלכן לאַנד געהערט עס?

— אויף וויפל איך ווייס, זאָג איך, געהערט עס צו פוילן.

— וועט איר מוזן וואַרטן, זאָגט זי, זיבן יאָר אויף אייער קוואָטע. אין זיבן יאָר אַרום וועט איר זיין אַזוי גוט און אַרויפקומען אַהער.

— ווען — פרעג איך — פאַר מיטאָג, אָדער נאָך מיטאָג?

באַליידיקט זי זיך און לויפט אַוועק.

גיי איך ווידער אַוועק איבער די גאַסן, פאַרקריך ווידער אין אַ קאַפע. איך זעץ זיך אַוועק ביי אַ טישל. זיצט קעגן מיר עפּעס אַ מאָדנער פּאַר־שוין. אַ לאַנגער, אַ שמאָלער, און שוואַרץ ווי אַ טאָטער. אויפן קאָפּ אַ געקעסטלטער קאַשקעט. דאָס פּנים צעקנייטשט, ווי עמיץ האָט זיך אויף דעם אַוועקגעזעצט און אַזוי איבערגעלאָזט. די אויבערשטע ליפּ אַנגעשפּאָלטן. און פרעגט:

— אדוני מדבר עברית?

— לא — זאָג איך, אַבי אָפּצוטשעפּען זיך.

— יהודי אָנכי... שמע ישראל... כל נדרי. יהודי טורקאַאי, אַ טערקישער ייד פון סטאַמבול. מיין נאָמען איז איזמאַאיל אטאטורק...

— זייער אַנגענעם, זאָג איך. און מיין נאָמען איז שלמה יונה קרעפּעל.

— זי האָבען אַגמאַט נעפּעט?

— וואָס איז דאָס ?

— אַגמאַט נעפּעש.

— נו יאָ, זאָג איך, צרות ווי האָלץ. איך בין אַ פּליכטלינג. וויל פאָרן קיין אַמעריקע, וויל דער אַמעריקאַנער קאָנסול נישט געבן קיין וויזע, ווייל איך בין אַ פּוילישער בירגער.

— טאָ ווער הייסט אייך זיין אַ פּאָלנישער בירגער — האָט ער אָנגעהויבן רעדן אויף דייטש־לשון־קודש און יידיש צוזאַמען — און הייסן שלמהן אַז זי קאָנען אַריינגיין אין טערקישן קאָנסולאַט און אַרויסנעמען אַ טערקישן פּאַס און ווערדען טורעצקי בירגער ווערדען זי תיכף קריגן אַ וויזע קיין אַרגענטינע. אַזש קאָלאָסאַל !

— און וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין נאָמען ?

— ווי איז אייער נאָמע ?

— איך האָב דאָך שוין אייך געזאָגט : שלמה יונה קרעפּעל פון קאָנסטאַנינאָוועקע.

— איז דאָך אויסגעצייכנט. טאָוו מעאָד פון קאָנסטאַנטינאָוועקע ווערדען וויר איבערמאַכן אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל. און איר אַליין וועט הייסען דזשעמאל־חוסיין־אַבדולאַ־כאַמיד־קרעפּאַלאַשיב . . .

— טאָ ווי־זשע מאַכט מען עס ?

— קומט, מיר וועלן צופאָרן דאָ איבערן קאַנאַל אין טערקישן קאָנסולאַט אַריין, און מיר וועלן דערליידיקן פאַר אַ שיבוש. צוויי הונדערט פראַנק. אָן אַנדערן וואָלט עס געקאָסט פינף הונדערט פראַנק. נאָר אייך צוליב וועל איך עס מאַכן פאַר צוויי הונדערט. איך בין דאָרטן אין קאָנסולאַט אויסגעבונדן.

זע איך אַז דאָס איז אַן ענין, הייב איך זיך אויף און מיר גייען.

עפּעס אַ געוויינלעכע שטוב, נישט מער עס זיינען דאָרט געזעסן עטלעכע פאַרשוינען אין רויטע פעסקעס. אַלע האָבן זיי גערעדט טיף טערקיש. איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען. נאָר מיין פירער האָט עס אַלץ איבערגעזעצט.

מען האָט אָנגעפינטלט עפּעס אויף אַ בויגן פּאַפּיר, אָװעקגעלייגט אַ שטעמפּל, און שוין. איך האָב שוין אַ טערקישן פּאַספּאָרט. איך קאָן שוין גיין אין אַרגענטינער קאָנסולאַט נאָך אַ וויזע פאַר אַ טערקישן בירגער.

איצט בין איך אַװעקגעלאָפן אין אַרגענטינער קאָנסולאַט נאָך אַ וויזע. נאָר וואָס דאָרט האָט מען מיך אויפגענומען גראָדע שיין. מען האָט מיך געבעטן זיצן און געפרעגט: צי בין איך אַ טערק. האָב איך געענטפערט: געוויס. אַ שאלה אַ ביסל. און וואו בין איך געבוירן? זאָג איך אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל. און אייער נאָמען? זאָג איך אים טאַקע ווי עס שטייט אין פּאַספּאָרט. זאָגט ער: המם... און צי קענט איר רעדן טערקיש? זאָג איך: אַ פראַגע אַ ביסל, אַ געבאָרענער טערק. זאָגט ער: טאָ זיצט דאָ אַ ווײַלע, איך וועל אַרײַנרופן אַ טערקישן מיניסטער. ער זיצט דאָ טאַקע בײַ מיר אין צווייטן צימער, וועט ער מיט אײַך רעדן טערקיש. גיט מיר אַ שלאָג אַ פּחד. ער גייט אַװעק רופן דעם מיניסטער. איך גיב זיך מיר אַ רוק אַרויס, און לאָז מיר לויפן ווי אַן אונטערגעשאָסענער... געהערט אַן אומגליק? דאַרף זיך אויף מײַן מזל דווקא געפינען דאָ אַ טערקישער מיניסטער... איך לאָז זיך לויפן איבער די גאַסן אָן אַ נשמה. עס דאַכט זיך מיר אַלץ, אַז דער טערקישער מיניסטער לויפט מיר נאָך, און וויל מיט מיר רעדן טערקיש.

לויפנדיק אַזוי, קום איך אָן צו אַ וואָקזאַל, שפּרינג אַרײַן אין אַ וואַגאָן. אויף מאָרגן ברענגט מיך דער צוג אין אַ שטאָט וואָס הייסט פּערפּיניאַן, נישט ווײַט פון דער פראַנצויזיש־שפּאַנישער גרענעץ. און דאָ האָב איך זיך ערשט באַרויִקט.

זיץ איך שוין ווידער אין אַ קאַפע, און זיץ שוין ווידער בײַ אַ טישל מיט עפּעס אַ מאַן. מיר צערעדן זיך, דערצייל איך אים אויס מײַן גאַנץ ביטער האַרץ, און ער זאָגט מיר אויפן אויער:

— מײַן עצה: איר זאָלט שמוגלען די גרענעץ. איר זאָלט נישט וואַרטן אויף קיין גליקן מיט קיין וויזעס. פראַנקרײַך וועט נישט געבן קיין אַרויספאָר־וויזעס, שפּאַניע וועט נישט געבן קיין דורכפאָר־וויזע, און פּאָר־טוגאַל וועט נישט געבן קיין אַרײַנפאָר־וויזע. זיי זײַנען אַלע באַנדיטן, מען

וועט ביי אייך אויסנאַרן דאָס געלט, און קיין וויזעס וועט איר נישט באַקומען. דאָס בעסטע איז שמוגלען די גרענעצן, די פראַנצויזישע, שפּאַנישע, פּאָרטוגעזישע, פון דאָרטן קומט איר קיין ליסאַבאָן און דאָרט האָט איר אַן אָפענע וועלט. איר קאָנט אייך פאָרן קיין אַמעריקע, בראַזיליע, אַרגענטינע, אַפריקע...

געפעלט מיר דער פּלאַן: אַדורכשמוגלען די גרענעצן און האָדיע!

— און ווער וועט מיר ווייזן וואו די גרענעץ איז?

— איך וועל אייך ווייזן וואו די גרענעץ איז. איך בין טאַקע אַן אַלטער גרענעץ פירער, אַ קינסטלער אין מיין פאַך. און דאָס וועט אייך קאָסטן הונדערט פראַנק.

מושווה געוואָרן. און ער פירט מיר צו דער גרענעץ.

געבראַכט מיר צו דער גרענעץ אָוונט־צו, פאַרוואָס עפּעס אָוונט־צו? ווייל ביי נאַכט איז בעסער צו שמוגלען אַ גרענעץ.

— איצט, זאָגט ער צו מיר, זיינען מיר אויף דער פראַנצויזישער גרענעץ סערבער. און ער ווייזט מיר: אָט מיט דעם וועג זאָלט איר זיך לאָזן אַרויף־צו און פון דאָרטן זיך נעמען אַהינצו־צו, אָנקומען צו דער שפּאַנישער גרענעץ „פּאָרט־בו". דאָרט וועט איר באַגעגענען מיינעם אַ שותף אַ שפּאַניער דאָן פּעדראָ סאַנשאָ־פּאַנטשאָ. ער וועט אייך אַריבערפירן די שפּאַנישע בערג. אָן אים זאָלט איר נישט גיין. וואָרעם איר קאָנט נאָך פאַרבלאָנדזשען צווישן שפּאַנישע בערג און בלייבן אַ קדוש. ווייטער וועט איר דורכשפּאַנען אַ גרויסן וואַלד און אַ ברייטע אַזיערע און אָנקומען קיין פּאָרטוגאַל. און דאָרט זייט איר שוין אַ געראַטעוועטער. אַ גוטע נאַכט, און האָט מיר אַ גוטן שליטס־וועג. אַדיו!

און ער איז פאַרשוואונדן.

מיינט איר, אַז איך האָב נישט איבערגעשוואָרצט די פראַנצויזישע גרענעץ? איבערגעשוואָרצט, ווי איר זעט מיך אַ יידן. און קום צו דער שפּאַנישער גרענעץ, וואָס הייסט „פּאָרט־בו". שטייט עפּעס דאָרט אַ מאָדנע וואָך מיט מאָדנע סאָלדאַטן. אָנגעטאָן ווי פּורים־שפּילער און מען לאָזט נישט אַריין. מען טרייסלט מיר אויס די קעשענעס און מען טרייבט מיר

צוריק צו דער פראָנצויזישער גרענעץ סערבער. שטייט שוין דאָ ווידער וואַך, וואָס לאָזט נישט אַריין, און מען פירט מיך צוריק צו דער שפּאַנישער גרענעץ, „פּאָרט־בו". פירט מען מיך אַזוי אום פון איין גרענעץ צו דער צווייטער און טאַנץ אַזוי אַרום אַ גאַנצע נאַכט פון בונם צו שמונם: און איך האָב נישט קיין תקומה... ווי הייסט דאָס שטיק לאַנד צווישן ביידע גרענעצן? „קיינעמס לאַנד". אַ שטיק לאַנד אַזאַ, וואָס געהערט צו קיינעם נישט, אַ רשות הרבים, אַ פריי לאַנד. און מען קאָן דאָרט בפירוש אַנטוויקלען האַנדל, מאַכן אַ ישוב. מען קאָן די ערד פאַרצעלירן, איינטיילן אין חלקים און פאַרקויפן פעלדער, בויען הייזער און פאַבריקן און מאַכן אַ מאַיאָנטעק. נאָר גיי מאַך עפּעס, אַז מען טרייבט אַרום פון הין און צוריק און מען לאָזט דיר נישט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

*
**

איך ווייס נישט ווי אַזוי דאָס איז געשען, נאָר באַגינען האָב איך מיך אויפגעכאַפּט ערגעץ אין אַ ישוב, אַ פּאָרט־שטאָט לעבן גרענעץ. בין אַוועק בלאָנדזשען צווישן די שמאָלע פּאָרט־געסלעך. איך בין אַריין אין אַ פינצ־טערער קאַפע, וואָס האָט געטראָגן דעם קלינגענדיקן נאָמען „די זון". אויף דער ערד האָבן זיך געוואַלגערט פאַרשיידענע פעקלעך. ביי די טישן זיינען געזעסן און געשלאָפן אַלערליי פאַרשוינען. עטלעכע מאַטראָסן האָבן גע־שפּילט אין ביינדלעך. איך האָב מיך אויך צוגעזעצט צו אַ טישל, אונטער־געשפּאַרט די האַנט אונטער דער באַק און איינגעשלאָפן.

ער בויט שיפן

אַ טומל און אַ רעדעריי האָט מיך אויפגעוועקט. איך האָב אויפגעעפנט די אויגן. אין קאָפּ האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ סך מענטשן, מערסטנטייל יידן פּליכטלינגע. גערעדט הויך, גערעדט שטיל, און געמאַכט מיט די הענט.

מיין ערשטע פראַגע ביי איינעם איז געווען:

— וואו בין איך אין דער וועלט? וואָסער שטאָט איז עס?

— איר ווייסט נישט, וואו איר זייט? דאָס איז פּאָרט־וואַנדר, אַ פּאָרט־שטאָט לעבן גרענעץ.

— איז עס פראַנקרייך?

— געוויס פראַנקרייך... איר האָט אוודאי אויך געוואָלט שוואַרצן די גרענעץ און מען האָט אייך צוריק געשיקט. אַ סך יידן, וואָס איר זעט דאָ, האָבן די נאַכט זיך געוואַלגערט אויף די גרענעצן. איצט זיינען זיי דאָ.

— און וואָס איז דאָס פאַר אַ טומל? עפּעס רעשט דער עולם דאָ אַרום ווי אויף אַ יאַריד.

— דאָס טומלט זיך מיט אַ נייע לאַנד, וואָס איינער אַ רוסישער דאָקטאָר קוואַסין האָט אַנטדעקט. דאָס לאַנד הייסט קוואַסימאַנדאַ... אַ סברה, אַז מען קען אַהין פאָרן אָן פּאַספּאָרטן און אָן וויזעס. דאָס לאַנד איז נישט אַנטוויקלט, און האָט נישט קיין האַנדל. וויל זי אַריינלאָזן אַלע יידישע פּליכטלינגע, מען זאָל איר אַנטוויקלען האַנדל און פאַבריקאַציע. דאָס איז דער טומל דאָ. איר זעט אָט די רעדלעך מענטשן, דאָ האָט זיך שוין געבילדעט אַ גרופּע „קוואַסימאַדניקעס״. פּאַטריאָטן פון קוואַסימאַדאַ. און איר?

— אָ! איך בין שוין לאַנג אַ פּאַטריאָט פון... ווי הייסט דאָס לאַנד?

—קוואסימאדא.

— יאָ. ווער פאַסט זיך נאָך אַזוי גוט פאַר אַזאַ לאַנד ווי איך? איך בין אַ סוחר פון דער נאַטור, אַ סוחר מיט אַ קאָמערצערסקע זשילקע. איך וועל דאָס לאַנד אַוועקשטעלן אויף אַ קאָמערצעסקע פוס. דאָס לאַנד מעג גאָט דאַנקען, וואָס איר איז באַשערט צו האָבן שלמה יונהן ביי זיך... יאָ, און וועט מען אונדז פון דאַנען אַרויסלאָזן?

— צו דעם צוועק איז דאָך דער קרוינפּרינץ פון קוואסימאדא, אַ גוטער פריינט פון דאָקטאָר קוואסין, געקומען אַהער. ער פירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער פּראָנצויזישער רעגירונג מען זאָל אַרויסלאָזן די פּליכטלינגע אָן אַרויספּאַר־זויזעס. אָט וועגן דעם טומלט עס זיך אַזוי.

און ווירקלעך, אין גאַנצן זאַל איז געשטאַנען אַ הוהאַ, אַ הודזשעריי און אַ גערעדעריי. פון אַלע מיילער האָט זיך געטראָגן איין וואָרט „קוואסי־מאדא״, „קוואסימאדא״.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אויך גענומען אַרומלויפן איבער די טיש־לעך און טומלען. וואָס? איך וועל אפשר שווייגן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ גוואַלדאָוונעם משא־ומתן?

דערווייל איז אַריינגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער פאַרשוין. דער פאַרשוין האָט געהאַט ראָזע, גלאַטאויסגעראַזירטע בעקלעך, וואָנסעלעך כמו היטלער, אויפן קאָפּ אַ בערעט. אויפן נאָז אַ צוויקער מיט אַ דיקן בענדל.

— דאָס איז דער דאָקטאָר קוואסין — האָט מען מיר דערקלערט.

דער דאָקטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן זאַל, און דערקלערט אויף רוסיש מיט אַ בלעכענער שטים.

—גאספאדא! וועס עס איז פאַראינטערעסירט אין דער „דיעלא״ קוואַ־סימאדא זאָל אַריינגיין אין יענעם צימער. איך האָב מיטצוטיילן אַ וויכ־טיקע זאַך.

אַלע זיינען מיר אַריינגעלאָפן אין אַ צווייטן צימער, און איך, פאַר־שטייט זיך, אויך בתוכם, און אָנגעשפּיצט די אויערן. דער דאָקטאָר האָט דערקלערט:

— גאספאדא, איך קום איצט פון מיין פריינט דעם קראַן־פרינץ האַסאַ־קאַלאַפּאַקאַ פון קוואַסימאַדאַ. ער האָט געפּועלט ביי דער פראַנצויזישער רע־גירונג, אַז מען זאָל אונדז אַרויסלאָזן אַן אַרויספּאַר וויזעס. אַלזאָ מיר פאָרן. מיר פאָרן אין דער גליקלעכער פרייער קוואַסימאַדאַ. די איינציקע פראַגע איז שיפן. קוואַסימאַדאַ איז נאָך אַ יונג לאַנד און האָט נישט קיין שיפן. פון אייראָפּע ווידער גייען נישט קיין שיפן קיין קוואַסימאַדאַ. שטייט די פראַגע: ווי פאָרן מיר אַהין?

אַ ווײַלע איז געוואָרן שטיל, ווי אויף אַ בית הקברות. נאָר גלייך בין איך אַרויס מיט אַ פּלאַן, וואָרום איך בין שלמה יונה קרעפּעל. איך דאַרף לאַנג נישט זוכן קיין פּלאַן. אַ קראַץ אין קעשענע און עס שיטן זיך קאָמערצעסקע פּלענער ווי באָב. רוף איך אויס:

— בויען אַ שיף!

דער עולם האָט מיין פאָרשלאַג אויפגעכאַפּט מיט גרויס התלהבות. דער דאָקטאָר אַליין איז צוגעלאָפן צו מיר און געדריקט מיר די האַנט.

— ספּאַסיבאָ, גאָלובטשיק! איר זייט אַ קאָמערצעסקער מענטש און אַ געניאַלער מאַן. אַלע געניאַלע אידייען זיינען אַזוי פּראָסט... קומט צום בופעט. מירן אויסטרינקען לכבוד אונדזער נייער לאַנד.

און באַלד זיינען מיר געזעסן ביי אַ טישל און באַאַרבעט מיין פּלאַן: מיר גרינדן אַן אַקציע־געזעלשאַפט פון שיף־בוי. יעדער קויפט אַן אַקציע. זאָל דער עולם אַרויסלייגן געלט.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן שיטן געלט. ווער אַ הונדערטער, ווער אַ 25־קער, ווער אַ פופציקער. ווער עס האָט געגעבן ח״י פראַנק, ווער צוויי מאָל ח״י; וועט עס האָט אַריינגעטראָגן אַ ניקעלנעם זייגער. איך אַליין האָב אַרויסגעלייגט מיינע לעצטע 72 פראַנק און מיין באַזילבערטן פּאַרט־סיגאַר. הכלל, עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ היפּשער קאַפּיטאַל און מיר האָבן באַשלאָסן תיכף צוצוטרעטן בויען אַ שיף. צוערשט איין שיף, נאָכדעם אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ גאַנצן האַנדלס־פלאָט, וואָס זאָל פירן פּליכטלינגע קיין קוואַסימאַדאַ. די ליניע וועט הייסן „פּאַרט־וואַנדר־קוואַסימאַדאַ־ליניע״.

מיר האָבן שוין אפילו צוגעטראַכט אַ נאָמען פאַר דער שיף „דער יידישער שווימער". ער וועט טראָגן אויף זיך צוויי פלאַגן, קוואַסימאַדער פלאַג און בלוי־ווייסן פלאַג מיט אַ מגן דוד. און קורסירן וועט זי צווישן פאָרט וואַנדר און קוואַסימאַדאַ.

אויפן וועג וועלן מיר זיך פאַרהאַלטן אין קאַסאַבלאַנקאַ, פערסיע און סיאַם, כדי אָנצונעמען פּראָוויאַנט און קוילן און צוליב וואָס איך וועל מוזן צונויפרופן אַ קאָנפערענץ פון מאַראָקאַנער בעי, פערסישן סולטאַן און סיאַמער צווילינג, און שליסן אַ האַנדלס אָפּמאַך.

איך האָב שוין אפילו אויסגערעכנט וויפל אין אַ יאָר אימירצעשעם עס וועט אויספאַלן אויף יעדן אַקציאָנער פּראָצענטן, דיווידענדן, פּרעמיעס, אין די שווערע מיליאָנען.

איך אַליין בין אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דירעקטאָר. דער דאָקטאָר קוואַסין אַלס קאַסירער. אויך אַ קאַפּיטאַן האָבן מיר שוין אויך באַשימט איינעם אַ פּליטשטלינג כלאָונע קאָנאַרעק, וואָס האָט געוואוינט אין דעם שטעטל קוזמיר, וואָס אויפן טייך ווייסל, און זיך פאַרנומען מיט נאַוויגאַציע, ווייל ער האָט געפירט די דאַטשניקעס אין לאַדקעס אויף יענער זייט טייך זיך באָדן.

הכלל, עס האָט גענומען קלינגען מיט קוואַסימאַדאַ און אונדזער שיף־געזעלשאַפט ווי אין אַ גלאָק. אונדזער פּלאַן האָט גענומען שמעקן אפילו אין די אַלע שטעט אַרום, וואו יידישע פּליטשטלינגע זיינען געווען קאָנצענטרירט אין גרעסערע מאַסן...

אַ סך פּליטשטלינגע האָבן שוין אפילו גענומען קויפן שיפס־קאַרטן, באַזאָרגן זיך באַצייטנס מיט פּלעצער, מיט ליג־שטולן, מיט זויערע צוקערקעס און חלשות־טראָפּנס קעגן ים־קראַנקייט. דער דאָקטאָר אַליין איז געווען דער פאַרקויפער...

הכלל עס האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק.

ביז... ביז אין איין שיינעם פינצטערן פרימאָרגן, ווען מיר אַלע אַקציאָנערן זיינען געזעסן ביי אַ טישל אין קאַפע אויף אַ באַראַטונג וועגן איינקויפן מאַטעריאַלן פאַרן שיף־בוי, ווי: ברעטער, טשוועקעס, אַ קאָמפּאַס,

אַ ביסל שטריק און אַ רודער, ווייל מען קאָן דאָך נישט לאָזן אַ שיף אָן אַ רודער, — האָט זיך אַריינגעריסן אַ כאַפּטע זשאַנדאַרמען און פאַרנומען די גאַנצע קאַנצעלאַריע מיט די פּאַפּירן, פלענער און האַנדלס־ביכער, און אונדז אַלעמען אַרעסטירט.

בלויז דער קאַסירער, דער דאָקטאָר, איז נעלם געוואָרן, און ווי אין וואַסער אַריין. אַנטלאָפן צוזאַמען מיט די קאַפּיטאַלן, מיט די געלטער פון די פּאַרקויפטע שיפס־קאַרטן מיט דעם ניקעלנעם זייגער און מיט מיין באַזילבערטן פּאַרטסיגאַר. און והילד איננו.

אָבער אונדז אַלעמען האָט מען אַרעסטירט, איבערגעפירט קיין מאַרסעל, פון דאָרטן קיין טולון. און דאָ האָט מען אונדז צעשיקט אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן, זייער שווערע לאַגערן. בלויז מיט מיר אַליין איז געשען אַ נס. מיך האָט מען אַריינגעזעצט אַהער, אין דעם דייטשן לאַגער „ברענס״. ווי זאָגט מען: גם זו לטובה.

***

און דאָ ערשט בין איך דערגאַנגען דעם סוד, אַז דאָס לאַנד קוואסימאדא איז לא דובים ולא יער, גאָרנישט קיין לאַנד, נאָר אַ נאָמען אַזאַ פון עפּעס איינעם אַ העלד פון אַ מעשה־ביכל.

ימים־נוראימדיקער דאַווענען אין לאַגער

גאָט האָט געוואָלט אַז מיר, יידן, זאָלן אים אָפּדאַווענען אַ דאַווענען, וואָס אַזאַ דאַווענען איז נאָך ניט געווען. גרויס, פייערלעך, מיט די גרעסטע חזנים, גרעסטע זינגער, שטאַרקסטע שטימען, שענסטע כאָרן, פּראַכטפּול־סטע „זאַגער", אַז די הערצער זאָלן זיין צעבראָכן או די געמיטער זאָלן זיין צעוויטיקט — האָט ער געשאַפן אַ וועלט־מלחמה, מיט אַ היטלער, מיט פּליכטלינגע, מיט קאָנצענטראַציע־לאַגערן, און די פליכטלינגע זאָלן איינ־אָרדענען אין די לאַגערן מניינים און גאָטעס־דינסטן, איז טאַקע אַרויסגע־קומען אַ דאַווענען, וואָס זינט יידן האָבן געדאַוונט, איז נאָך אַזאַ דאַווענען ניט געווען.

און פאָרגעקומען איז אָט דער דאַווענען טאַקע ביי אונדז אין לאַגער, אין דעם יידישן קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער אין פראַנקרייך.

דאָ האָבן זיך צונויפגענומען די גרעסטע קרעפטן, בעסטע יידישע מוזיקער און קינסטלער און שטימען, רעזשיסאָרען און אַרטיסטן, און כאָרן, און טענצער, און חזנים, און דיריגענטן.

אוי, איז דאָס געווען אַ דאַווענען!

מען קען זאָגן, אַז דער קאַרנעגי האָל, מיטן לואיסאָן סטעידיום, מיט דער מאַנהעטן אָפּערע, מיט אַלע קאָנצערטן זיינען ניט ווערט אַ ציבעלע אַנטקעגן דעם גאָטעסדינסט וואָס איז אָפּגעריכט געוואָרן אין אונדזער לאַגער אין די ימים־נוראים פון יאָר תש"א.

וואָס פאַר אַ געניאַלע חזנים און שופר־בלאָזער און בעלי־קוראס עס האָבן דאָ אָנטייל גענומען!

קרעפטן — איינע אין איינע. איינע גרעסער פאַר דער אַנדערער.

אויף יעדער זאַך אַ באַזונדער קראַפט. אויף יעדער תפילה אַ באַזונדער קינסטלער. אויף יעדער צערעמאָניע אַ באַזונדער טאַלענט — גאַלע באַרימט-הייטן.

די כאָרן זיינען געווען געמישטע, און זיי זיינען באַשטאַנען פון די גרעסטע זינגער.

לאָמיר אָנפאַנגען פון סליחות.

ווער האָט געזאָגט סליחות? ניט קיין אַנדערער, ווי דער באַרימטער טראַגיקער פון פראַגער דראַמאַטישן טעאַטער, וואָס האָט מיט זיין „במוצאי מנוחה" גערירט דעם עולם ביז טרערן. און ווען זיינע משוררים, אויך פליכטלינגע, האָבן אַ זינג געטאָן „כרחם אב על בנים", האָבן מענטשן ספאַזמירט.

די געזאַנג-נומערן האָט אויסגעפירט דער באַרימטער באַריטאָן פון מילאַנער „לאַ סקאַלאַ" אָפּערע, ענריקאָ ראַדזיני (דאָ אין לאַגער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז זייןווירקלעכער נאָמען איז אַרקע ראַדזינער, און האָט געזונגען ביי זיידל ראָוונער). אָט דער זעלבער, וואָס האָט מיט זיינע אַריעס פון „שמשון און דלילה" און „די אידין" איבערראַשט די וועלט און אַרויס-געדרונגען די גרעסטע באַגייסטערונג.

איי-איי-איי! האָט ער דאָס אַוועקגעלייגט אַ „שמע קולנו", אַז די הערצער זיינען צעגאַנגען געוואָרן ווי וואַקס, און אויגן האָבן פאַרגאָסן קוואַלן טרערן.

צו „הנני העני ממעש" האָט מען געפילט, ווי דער דאָזיקער גרויסער קינסטלער פון קייזערלעכן אָפּערע-טעאַטער קלאָגט:

„גאָטעניו, ערשט נעכטן בין איך גרויס געווען, רייך געווען, די וועלט האָט מיט מיר געקאָכט. און איצט בין איך אָרעם און צעבראָכן, דערנידע-ריקט און שפל."

אויף דעם ערשטן טאָג ראש-השנה האָבן מיר געהאַט אַזוי פיל קינסט-לער, אַז מען האָט זיך קוים געקענט איינטיילן מיט דעם שטאָף און מיט דעם עמוד.

אזוי, צום ביישפיל, האָט דעם ערשטן טאָג ראש־השנה געדאַוונט שחרית ריכאַרד ראַדגער (ראובן ראַבקין), דער פליכטלינג־טענאָר פון לייפּציגער שטאַט־טעאַטער. ער האָט געדאַוונט מיט דעם באַרימטן כאָר פון דרעזדענער קאָנסערוואַטאָריום, אונטער דער אָנפירונג פון אַ באַרימטן דיריגענט.

איר האָט געמעגט הערן זיין „ונתנה תוקף", זיין „כבקרת"; איר האָט געמעגט הערן דעם רעציטאַטיוו „באין מליץ יושר מול מגיד פשע". די ווענט האָבן געוויינט.

יעדעס שטיקל מחזור איז געווען אַ מייסטערווערק.

דעם „ויהי בנסוע הארון" האָט אויסגעפּירט אַ באַרימטער העלדן־טענאָר. אַ, וויפל קראַפט! וויפל פּאַטאָס! וויפל מעטאַל!

און ווער, מיינט איר, האָט געבלאָזן שופר? ניט קיין אַנדערער, ווי דער גרויסער וועלט־באַרימטער סאַקסאָפאָניסט פון „בערלינער ווינטער גאַרטען" פּישיטאַ קאַרפּיני (פישל קאַרפּעלעס). איר האָט געמעגט הערן אַ תקיעה, אַ שברים, אַ תרועה — וואָס פאַר אַ טאָן! וואָס פאַר אַ מייסטער־שאַפט! די קאָלאָראַטור, די סטאַקאַטאָס.

דער, וואָס האָט אונטערגעזאָגט די תקיעות, איז געווען דער באַרימטער סופליאָר פון דער ווינער קליין־קונסט בינע.

עס איז געווען שוין איינמאָל אַ תקיעות. מלאָכים זיינען געפלויגן אין דער לופטן.

די סצענע פון כהנים־דוכענען איז פאָרגעקומען אונטער דער אָנפירונג פון אַ באַרימטן יידיש־דייטשישן רעזשיסאָר. אַ וואונדערלעכע, איינדרוקס־פולע מאַסן־סצענע, מיט אַזוי פיל פאַרנעם, אַז דער עולם האָט געגאַפט.

און איצט יום כיפור! דער כל נדרי וועט ביי מיר בלייבן אויף אייביק אומפאַרגעסלעך. וויפל פייערלעכקייט! וויפל באַגייסטערונג!

דער חזן איז געווען דער באַרימטער באַס אַלעקסאַנדער מינטץ (געוועזענער משורר ביי ניסן בעלזער). צו זיין נוסח, צו זיין שטייגער־זאָגן, איז נישט געווען קיין גלייכן. דער כאָר איז באַשטאַנען פון דעם חזנים־פאַר־באַנד, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון אַלע באַרימטע חזנים־פליכטלינגע

פון אַלע לענדער, אַנגעפירט פון בוימגאַרטען, באַרימטער דיריגענט פון וואַרשעווער פילהאַרמאָניע.

היינט די „יעלות״! אי, אי, אי! די יעלות!...

דער בעל קורא איז געווען דער באַרימטער לירישער טענאָר יאָזעף שערמאַן.

צו נעילה האָט דאָס גאָטעס־דינסט דערגרייכט צו זיין העכסטן פונקט. האַרץ־רייסנדיק איז געווען, ווען דער גאַנצער אַנסאַמבל דאַווענער, צוזאַמען מיט די חזנים, האָבן אַ קוק געטאָן צו די צוימען און די וועכטער וואָס האָט אַרומגענומען דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, און אויסגעשריען: „שערי שמים פתח!״ — די טויערן פון הימל עפן! שטיינער זיינען גערירט געוואָרן.

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם תענית, איז ער אויך דורך מיט גרויס דערפאָלג. אַ דאַנק דעם, וואָס די דאַווענער האָבן חדשים לאַנג גוט איינגעשטודירט די הונגער־ראַלן, מיט דער הילף פון די אַנפירער פון קאָנצענטראַציע־לאַגער און די הילפס־קאָמיטעטן. אַ פּראַכטפולער מאָגן־קאָנצערט איז עס געווען.

היינט די דרשות!

דרשות און רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן צו קריאת התורה, צו תקיעות, צו נעילה.

אין וועלכע בתי־מדרשים האָבן יידן געהערט אַזעלכע דרשנים, אַזעלכע רירנדיקע רעדעס, אַזעלכע אָראַטאָרס און וואָרט־קינסטלער!

נישט קיין פּשוטע רעדנער זיינען זיי געווען. פּאַרלאַמענטאַריער רבנים, פירער, טריבונען, די גרעסטע אַדוואָקאַטן האָבן דאָ גערעדט. די לופט האָט געציטערט.

אַ גרויסער אַדוואָקאַט פון לוקסענבורג, אַן אַסימילירטער ייד, האָט גערעדט וועגן דאָס אייביקע פאָלק ישראל, וועגן זיינע מאַרטירער און קרבנות. ער אַליין האָט געוויינט. דער עולם האָט געוויינט.

אַ באַרימטער פּאַרלאַמענטאַריער, אַ ייד, וואָס איז אַזוי וויט געווען פון יידישקייט, האָט גערעדט וועגן יידישן גאָט, וועגן כוח פון יידישן גלויבן. ווי טראַגיש עס איז געווען זיין קלאַפּן זיך על חטא. ער האָט גערעדט

חענן תשובה און חרטה, וועגן צוריקקער צום יידישן פאָלק, צום יידישן גאָט, צו די קוואַלן פון יידישקייט.

א פירער פון אַ גרויסער איראַפּעאישער באַוועגונג, אַ גרויסער מאַסן־רעדנער, האָט גערופן צו אויפמונטערונג און בטחון, צו מוט און האָפענונג. די געמיטער זיינען געוואָרן הייטערער; די אויסגעלאָשענע אויגן האָבן געשטראַלט מיט פרייד און טרערן.

אַזעלכע דרשות און אַזעלכע מגידים האָט מען נאָך נישט געהערט.

מיט נישט ווייניקער באַגייסטערונג און פאַרנעם זיינען דאָ דורכגעגאַנגען סוכות און שמחת־תורה.

די הקפות, צוזאַמען מיט סאָלאָ און מאַסן־טענץ, זיינען געווען אויסגעשטאַט פון דעם באַרימטן דירעקטאָר פון דער דייטשישער פילם און מוזיוּי־פּראָדוקציע „אופאַ" און פון באַלעט־מייסטער פון פאַריזער גראַנד־אָפּערע באַלעט, דזשאָן סיטראָען (דוד ציטראָן). ער האָט זיך אויך דאַמאָלסט געפונען אין דעם דאָזיקן לאַגער.

דער באַרימטער אוקראַאינישער קאָזאַקן־כאָר, מיט די סאָליסטן: דער היידאַמאַק טאַראַס פימאַנענקאַ (זיין אמתער נאָמען יענקעל פּייסאַכאָוויטש), און דער דאָנער קאָזאַק אַנדרעי קאָפּיאַק (אַנשעל ראַבינאָוויטש), האָבן אָפּגעקאָנצערט „שישו ושמחו בשמחת תורה", אַז אַ רויך איז געגאַנגען, דער הימל האָט געבּרענט.

יאָ, אַ גרויסער אויסוואַל פון קינסטלער און מוזיקער און דעקלאַמאַטאָרס זיינען צונויפגעטריבן געוואָרן אין אונדזער קאָנצענטראַציע־לאַגער, און יעדער באַזונדער האָט אויסגעפירט זיין ראָל דאַוועגען מיט אַזוי פיל גלאַנץ און פלאַם, אַז די נשמות זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן, הערצער האָבן געפלאַטערט און קניען האָבן געציטערט. עס איז געווען שוין איינמאָל אַ דאַוועגען!

אוי, האָבן מיר געדאַוונט!

אינהאַלט:

אַ שטיקל פאָרוואָרט 3
האָט איר געזען ווי לענדער לויפן ? 5
איך בין אַ פּאַראַשוטיסט 10
אין אײנזאַמע נעכט 16
מײַן לעבן אין דאָרף 20
הונגער 26
טולוז 31
עלנט 37
אָבלאַוועס 41
לאַגער 46
אין שפּיטאָל 52
הילפס־קאָמיטעט פאַר פליכטלינגען 58
אין יידישן לאַגער 65
אַ פליכטלינג — אַ מנחם מענדל 74
דער פליכטלינג דערציילט זיין מעשה ווייטער 79
ער בויט שיפן 86
ימים־נוראימדיקער דאַווענען אין לאַגער 91